# פון לעצטן חורבן

צייטשריפט פאַר געשיכטע פון יידישן לעבן בעתן נאַצי־רעזשים

רעדאַקטאָר:
י. קאַפּלאַן

◇

אַרויסגעגעבן פון צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע.

Nr. 3

מינכען, אָקטאָבער – נאָוועמבער 1946.

# אינהאַלט


1. לאכווע — י. ק. אהרן שוואַרין חיים שקליאַר און א. פײַנבערג

2. ייד־ש־פוילישע זעלנער אין געפאַנגענשאַפט (זכרונות) — מענדל ליפשיץ

3. אַ קאַפּיטל שערלעך (גבית־עדות) — געצל ווייסבערג

4. צו די בילדער פון שעדלעך (אייפּקערונג) — פּריץ העפּט

5. די לעצטע 45 קינדערלעך אין קעלץ — שרה קערבעל

6. די „יידישע באַנרע“ (גבית־עדות) — יצחק פייערשטיין

7. פּראָדוקטיוויזאַציע־פּראָבלעם אין וואַרש. געטאָ — אינזש. ישעיהו בלומען

8. אין טרעבלינקע (גבית־עדות) — שמחה בונם לעסקי

9. לוצק (גבית־עדות) — מאיר רוזמאַן

10. די שחיטה ביים ברעג ים (גבית־עדות) — מרים צווייג

11. מיטן טראַנספּאָרט פון לאָוער באלקענה־ים (גבית־עדות) — מאוריצי קראוט

12. ברעזנע (גבית־עדות) — מלכהביילינסקי

13. אין בודאַפּעשט (גבית־עדות) — אלימלך ווייער

14. אין די פאָלעסיער וועלדער — שמואל פּראווורע

15. מיינע איבערלעבונגען בעת דער מלחמה (פון דער סעריע קינדער־אַרבעטן) — אריה מילך

16. ווערטלעך פון לאָדזשער געטאָ — י. ראָזענבוים, — מ. י. פייגענבוים

17. וויגליד (געזונגענעם געטאָ־ליד)

18. לאָדזשער געטאָ (געזונגענעם געטאָ־ליד) — יהונתן קאַרפּ

19. נאַצי־דאָקומענטן (מיט דערקלערונגען)

20. בילדער פון דער נאַצי־צייט

21. פון שארית־הפליטה־פּרעסע (אַרטיקלען־רשימה)

22. רשימה פון לאַגערן

23. מעטיקיים־באַר כט

24. כראָניק



MARTYRS MEMORIAL AND
MUSEUM OF THE HOLOCAUST
6505 WILSHIRE BLVD. (852-1234)
LOS ANGELES, CA 90048

84-107
Donated by
Alex Schwartz (Kopf)
and Family

# פון לעצטן חורבן

רעדאַקטאָר: י. קאַפּלאַן

Nr. 3. מינכען, אָקטאָבער - נאָוועמבער 1946

## לאַכווע

### (אַריינפיר־וואָרט צו די צוויי וויטערדיקע גבית־עדות)

פון דעם זומפּיקן דרום־מערב ווייסרוסלאַנד, פון אַ ווייניק באַקאַנטן ווינקל אין די „פּינסקער בלאָטעס" נעמט לעצטנס אין אונדזער מאַרטירערטום אַלץ העללעכער אַרויסשטראַלן דאָס שטעטל לאַכווע. —

אין טאָג ווען די דייטשן מיט זייערע ווייסרוסישע משרתים זיינען געקומען ליקווידירן דעם שטעטלשן געטאָ האָט זיך דאָס הייפל יידן מיט כוח און מוט אַקעגנגעשטעלט. די יידן האָבן אונטערגעצונדן די הייזער און אַריינגעבראַכט אַ פּאַניק אין דעם שונאס רייען; מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אויף די שטאַרק־באַוואָפנטע רוצחים און פיל פון זיי פאַרוווּנדעט און אַוועקגעטויט; דאָס געטאָ־טויער איז אַדורכגעבראָכן געוואָרן, און די הונדערטער יידן זיינען אונטערן האָגל פון קוילן זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע זומפּן און וועלדער און דאָרט געוואָרן פּאַרטיזאַנער.

אָן גענוער אין האַנט האָבן עס די יידן געמאַכט. מיט העק, העלצער און שטיינער האָבן זיך די הילפלאָזע מענטשן געוואָרפן אויף דעם מעכטיקן שונא. גאָר קליין זיינען געווען די שאַנסן צו געווינען אַזאַ שלאַכט. און דאָך האָבן די יידן ניט פאַרלאָרן. און אויך די ווידערשטאַנדס־אָנפירער און העלדן, וועלכע זיינען ענג אַרומגענומען געוואָרן און שוין ניט געקענט ווייטער פירן דעם קאַמף, — די האָבן זיך אָבער אויך פאַר קיין פאַל ניט געלאָזט נעמען לעבעדיקע. אין דערבייאיקן טייכל זיינען זיי געשפרונגען. געגאַרט נאָך אַ טי־פערן אָרט אויף זיך דערטרינקען...

די ווידערשטאַנדס־סטיכיע האָט אַזוי דורכגעדרונגען די מאַסע, אַז פיל פון די פעסט־גענומענע, שוין ווערנדיק געפירט צו דעם מאַסן־קבר, האָבן אָנגעווענדעט די פאַרשיידנסטע מיטלען אויף צו אויסמיידן דעם שונאס נאָך צוגעטראַכטע דערנידעריקונגען. אויף דעם ראַנד פון גרוב האָבן פיל זיך פאַרמאָסטן נאָך לויפן, מיט דער כוונה נאָר צו כאַפן אַ קויל... אויך די וועלכע האָבן שוין ניט געקענט אויסמיידן די גרוב און נאָר דאָרט געמוזט געפינען זייער טויט — זיינען די אויך שטאָלץ און מיט רעוואָלט אַליין גע־שפרונגען אין ברידער־קבר אַריין, און זייער „שמע ישראל“ און „התקווה“ האָבן פאַרהילכט די גאַנצע אומגעגנט.

אין דער גרויסער יידישער טראַגעדיע איז די געשיכטע לאכווע געווען פון די גאַנץ איינצלנע דערשיינונגען. מיר טאָרן אָבער ניט זאָגן, אַז דער גייסט און אַנטשלאָסנקייט צו רעוואָלט האָבן געפעלט אין די פיל אַנדערע יידישע קהילות. די פאַרשיידנסטע סיבות זיינען געשטאַנען אין וועג צו דורכ־פירן דעם ווידערשטאַנד. איינע פון זיי איז געווען דער געהיים צוגעטראַכטער מעטאָד פון די דייטשן צו אָפּצאַפּן סיסטעמאַטיש די יידישע כוחות. די פיזיש שטאַרקערע מענטשן, די גייסטיק־אַקטיווע טוער און אינטעליגענץ פלעגן דאָס רוב שוין אין כאַאָס פון די ערשטע אָקופּאַציע־טעג ווערן צוגענומען, אַרויס־געפירט און אומגעבראַכט. די מערדערישע צוואַנגס־אַרבעט, ווידער, האָט פיזיש אָפּגעשוואַכט און רואינירט די מענטשן. אַזוי אַרום האָט דער שונא ביי די „ליקווידאַציעס“ דאָס רוב שוין געהאַט צו טאָן מיט זקנים, חולאים, פרויען און קינדער.

צו דער פאַס־ווייטער האָט אויך ניט ווייניק געווירקט דער אייביקער פאָלקס־אָפּטימיזם און דער אַלט־איינגעוואָרצלטער גלויבן אין דעם מין מענטש. די איבערוועגנדיקסטע מערהייט יידן האָט נאָך לאַנג לאַנג פאַר קיין פאַל זיך ניט געקענט פאַרשטעלן, און אַפילו אויפן מות אַרויפנעמען, אַז דער ערגסטער שונא, און אַפילו ווי דער דייטש, זאָל באמת זיין מסוגל אויף אַזוינע אַכזריותן. די מערדער, ווידער, פלעגן זייער אַרבעט דורכפירן אַזוי ראַפינירט, אַז זעלטן ווו האָבן די שטרענג־איזאָלירטע געטאָ־און לאַגער־יידן געקענט וויסן די אמתע כוונה פון די אויסזידלונגען.

מיט דעם אַרויסגעזאָגטן ווערט נאָר געמיינט צו געבן אַ געוויסן פּרוו

אין בריטערע שטריכן אויף אויפקלערן איניקע מאָמענטן, פון דעם גרויסן קאָמפּלעקס פראַגן וועגן דער יידישער האַלטונג בעתן נאַצי־רעזשים. זיכער וועלן נאָך קומען גרעסערע אָפּהאַנדלונגען איבער דעם גאַנצן פּראָבלעם. די ווייטער געבראַכטע באַשרייבונגען פון לאַכווע קענען אין דער הינזיכט אויך אַריינטראָגן אַ געוויסע באַלויכטונג. דערמיט טאַקע זאָל דאָס קאַפּיטל לאַכווע זיין אויך אַ וויכטיקער צושטייער פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע און דעוואָלט־באַוועגונגען בעתן לעצטן חורבן.

דערביי זאָל באַצייכנט ווערן, אַז די געשיכטע לאַכווע האָט שוין ביז אַהער אויך איניקע באַשרייבונגען. דאָ קענען מיר אָנווייזן אויף אַן אַרטיקל אין ניו־יאָרקער „דער טאָג", 16 יולי 1945 ואַן אויסצוג פון דעם אַרטיקל איז געגעבן אין העברעיש דורך יעקב לעשטשינסקי אין הודש־זשורנאַל „בצרון", ניו־יאָרק, שבט, תש"ו) און „דער בלוטיקער אויפשטאַנד אין לאַכווער געטאָ" פון ח. א. מיכאלי (אין „אַ היים" נומער 21, לאַנער לייפּהיים, בייערן). אין דער צענטראַל היסטאָרישער קאָמיסיע אין מינכען געפינט זיך וועגן דעם לאַכווער אויפשטאַנד אויך פון ניח זאַלמאַנאָוויטש אַ גבית־עדות, פון וועלכער מיר האָבן אַרויסגענומען געוויסע אויסבעסערונגען און באַמערקונגען צו די ווייטער געבראַכטע אַרטיקלען.

י. ק.

---

I

## א.

לאַכווע, אַ קליין פּויליש שטעטל אין פּאָלעסיע, אָ־ער ווי מען רופט עס, אין פּינסקער בלאָטעס. דאָס איז געווען אַ ישוב פון אַ 2000 יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט אַלערליי אַרבעטן. די יידישע יוגנט איז דאָרט געווען דערצויגן אין יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט. מען האָט דאָרט אָפט געהערט די העברעישע שפּראַך. דאָס שטעטל האָט אויך פאַרמאָגט אַ יידישע ביבליאָטעק מיט עטלעכע טויזנט ביכער. אין פאָלקס־זאַל פלעגן אָפט אַרויסטרעטן יידישע אַרטיסטן. יעדן פרייטיקצונאַכט פלעגן די לאָקאַלן פון השומר־הצעיר, השומר־הלואמי און בית"ר זיין געפּאַקט מיט יוגנט.

אין צענטער שטעטל איז געווען אַ מאַרק, וווּ די יידן פלעגן האַנדלען מיט די פּויערים. אין מזרח־זייט פון מאַרק איז געשטאַנען דער געמויערטער צוויי־שטאָקיקער בית־המדרש און די אַזוי גערופענע גרויסע שול. אין בית־המדרש האָבן געלערנט ישיבה־בחורים. קינדער האָבן געלערנט אין בית־ספר יבנה. אַזוי האָט אויסגעזען דאָס יידישע לעבן אין לאַכווע ביז צום קריג.

מיטן אויסברוך פון קריג, 1 סעפּטעמבער 1939, האָט די צאָל לאַכווער יידן זיך פאַרגרעסערט אויף 40 פּראָצענט. עס זיינען אָנגעלאָפן די יידן פון די דייטש־פאַרנומענע געביטן. לאַכווע האָט זיך שוין געפונען אין סאָוועטישן

פאַרבאַנד און די אַלט־איינגעזעסענע צוזאַמען מיט די נײַ־אָנגעלאָפענע האָבן דאָ געמיינזאַם געלעבט ביז זומער 1941, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער דײַטש־סאָוועטישער קריג. נאָר בלויז אַ קליינער פּראָצענט מענטשן פון שטעטל האָבן זיך אַרויסגעריסן און געראַטעוועט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די מערהייט איז אָבער געבליבן און אַרײַנגעפאַלן אין די נעגל פון דעם שרעקלעכן אָקופּאַנט, דעם דײַטש.

דעם ערשטן יאָר פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע האָבן די לאַכווער ייִדן אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך, פאַרהעלטנישמעסיק זיך געהאַט ניט איבעריק שלעכט. מען פלעגט יעדן טאָג טאָקע קומען טויט־מיד פון דער אַרבעט. צעשלאָגענע, צעבראָכענע און פאַרבלוטיקטע, דאָך איז מען אָבער געקומען צו זיך אַהיים, און ניט אין קיין לאַגער אָדער געטאָ. פון די אַרומיקע פּויערים האָט מען נאָך געקענט קריגן וואָס צום עסן, מען זאָל האָבן כּוח אויף דער מאָרגנדיקער אַרבעט און בײַנאַכטיקע אָפּלאַוועס. אין די גבֿירישע הײַזער האָט מען נאָך צו יענער צײַט קיין הונגער ניט געשפּירט. זיי פלעגן טאַקע אויסנוצן דעם הונגעריקן אָרעמאַן, וועלכן זיי פלעגן פאַר אַ שטיקל ברויט דינגען צום אַרבעטן אויף זייער אָרט; ער זאָל עס אויף זײַנע אָרעמע און אויסגעטריקנטע פּלייצעס כאַפּן די דײַטשישע שטעקנס.

פּסח 1942 האָט מען אײַנגעאָרדנט אַ געטאָ. די ייִדן האָבן כמעט גאָר ניט באַוויזן צו מיטנעמען פון זייערע זאַכן אין געטאָ אַרײַן, ווען עס האָט זיך דערהערט דער שוידערלעכער געשריי „ראוס!" דער ייִדישער קאָמיטעט, וואָס האָט אין פאַרשיידענע מאָמענטן באַוויזן צו לינדערן די ייִדישע נויט, האָט אויך אין דעם פאַל שפּעטער אַ ביסל נוצן אויפגעטאָן. ער האָט אונטערגעקויפט פיל פּאָליציסטן און עטלעכע דײַטשן, און ייִדן האָבן געקענט אַרויסנעמען אַ ביסל זאַכן פון זייערע פריערדיקע הײַזער.

אַ גרויסער טייל פון דער אַרישער באַפעלקערונג איז געווען צופרידן מיטן ייִדישן אומגליק און אויסגעשטעלט געוואַרט, אַז מען זאָל שוין וואָס גיכער אויסמאָרדעווען די ייִדן, כּדי זיי זאָלן קענען שטילן זייער ניט געזעטיקטן רויב־דורשט. עס זײַנען אָבער אויך געווען עלטערע פּויערים, וואָס האָבן געהאַלטן בײַ זיך ייִדישע זאַכן און שפּעטער דאָס צוריקגעגעבן די לעבנגעבליבענע ייִדן.

דאָס געטאָ האָט אַרומגענומען עטלעכע און דרײַסיק הײַזער — אַלע ייִדישע, מיט דעם חסידים־שטיבל, וווּ די ייִדן פלעגן גיין דאַוונען. דער בית־המדרש און די גרויסע שול זײַנען געבליבן אויסערן געטאָ. צום געטאָ האָבן געהערט: די לינקע רײ הײַזער פון דעם געסל, וואָס האָט געפירט צום ברעג פון טײַכל סמערטש, בוקטשינס געסל, דאָס שול־געסל מיט די געבײַדעס פון שול־הויף. דאָס קליינע געטאָ איז נאָך געווען צעטיילט אין 2 טיילן,

צוליב אַ פרייען וועג פאַר די ניט־אַריער צום דורכפאָרן. ביינאַכט איז געווען פאַרבאָטן איבערצוגיין פון איין טייל געטאָ אין צווייטן.

לאַנג האָט דאָס געטאָ ניט עקזיסטירט. צוזאַמען מיט די געטאָס פון די אַרומיקע שטעטלעך איז אויך אויף לאַכווע נאָך אין 1942 אויסגעפאַלן דער זעלבער גורל — ליקווידירט צו ווערן.

דאָך איז עס אין לאַכווע צוגעגאַנגען גאַנץ אַנדערש.

## ב.

עס איז געווען אַ זומערטאָג 1942. איך בין גראָד געשטאַנען אין יידישן קאָמיטעט און זיך צוגעהערט ווי לאָפּאַטין, דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט האָט גערעדט מיט אַ דייטש. פלוצלונג איז אָנגעקומען אַן ס׳ס־מאַן און עפּעס איבערגעגעבן דעם דייטש. לאָפּאַטין איז בלאַס געוואָרן. אַלע האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז ניט אין אָרדענונג. ווי מען האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, איז עס געווען אַ מעלדונג וועגן דער ליקווידאַציע פון מיקאַשעווישטער געטאָ, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע און צוואָנציק קילאָמעטער פון לאַכווע. פאַר אַלעמען איז שוין געווען קלאָר, אַז די טעג זיינען געציילטע. ס׳האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט וואַרטן אויף ניסים און כסדר גערעדט צום קאָמיטעט וועגן שאַפן געווער כל זמן ס׳איז נאָך ניט שפּעט און עס זיינען נאָך דאָ מעגלעכקייטן. דער קאָמיטעט צוזאַמען מיט די רעליגיעזע יידן זיינען געווען קעגן דעם. זיי האָבן געטענהט, אַז די דייטשן טאָלערירן די לאַכווער יידן, אָבער ווען מען וועט דאָ געפינען געווער, וועט מען דאָך חס־וחלילה אויסראָטן ביז איינעם!.. אַזוי האָט מען פאַרפאַסט די צייט.

ניט לאַנג נאָך דעם פאַל אין מיקאשעוויטש האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן אַוועקגעשטעלט פויערים צו גראָבן גרויסע גריבער. עס זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען, קיין גענויעס האָט מען אָבער ניט געוווּסט. אַ קליינע גרופּע בחורים זיינען אָבער אַרומגעגאַנגען מיט איין געדאַנק — אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד. דאָס זיינען געווען: אשר חפץ (יודלס), אשר חפץ (זלמנס), משה קאָלפּאַניצקי, אהרון „וואַדזשקעס" (זיין פאַמיליע און פאָטערס נאָמען געדענק איך נישט) [1], יצחק ראָכשטין און פיל אַנדערע. ווייניק אָבער ווער עס האָט זיי געהערט.

עס האָט אויך ביי אונדז לאַנג נישט געדויערט. אין איינער אַ נאַכט האָבן די יידן מיטאַמאָל דערזען, ווי דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט פון אָרטיקער פּאָליציי. מען האָט זיך אויך דערוווּסט, אַז פאַרטאָג דאַרף אָנקומען

[1] לויט דער גבית־עדות פון נח זאַלמאַנאָוויטש איז זיין פאַמיליענאָמען געווען אשמאַו.
רעדאַקציע

געשטאַפּאָ און נאָך פּיל פּאָל־ציי. יעדע מינוט האָט דאָ געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, און מען האָט געמוזט עפּעס טאָן! דאָס האָט זיך נאָך אייך געקענט לאָזן, ווייל דאָס גאַנצע געטאָ האָבן באַוואַכט בלויז עטלעכע צענדליק פּאָל־ציסטן, וועלכע האָבן צוגעלאָזט צו זיך באַקאַנטע יידן. די לאַגע האָט מען באַשלאָס: טאַקע צו אויסנוצן. אהרון „וואדזשקעס" האָט געראַפט צוגיין צו זיין באַקאַנטן פּאָליציסט און פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. דער צווייטער פּאָליציסט איז געשטאַנען גאַנץ ווייט פון אים און ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט. די אַנדערע עטלעכע חברים, וועמען דער פּאָליציסט האָט אייך שוין געהאַט עטלעכע מאָל צוגעלאָזט צו זיך, האָבן אים גערופט „רערליידיקן". צום וואַלד, צו די בלאָטעס און זומפּן איז געווען בלויז עטלעכע קילאָמעטער. דוד פיינבערג האָט עס אַהין זיך גערופט לאָזן דער ערשטער און גלייך נאָך אים – די אַלע יידן. אַזוי אַרום וואָלט מען זיך געראַטעוועט. די גאַנצע מאַסע איז געווען גרייט אויף אַלץ. אַנטשלאָסן זיינען זיי געגאַנגען הינטער דורן. אָבער פּלוצלונג זיינען דורן באַפאַלן דער רב און אַ מחנה פרויען און האָבן אים געצווּנגען צוריקגיין. דוד איז געשטאַנען עטלעכע מינוטן נים וו סנדיק וואָס צו טאָן. ער האָט נים געוואָלט מען זאָל נאָך דעם זאָגן, אַז צוליב אים האָט מען או סגעשאָכטן לאבוועער יידן. מיט כעס האָט ער אַ וואָרף געטאָן די האַק פון האַנט און געבליבן אַזוי זיצן – ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה.

שפּעטער, פאַרטאָג, זיינען אָנגעקומען אַ סך געשטאַפּאָ־מענער, ס"ס און פּאָל־ציי. זיי זיינען געשטאַנען אין מיטן מאַרק און האָבן זיך עפּעס באַראַטן. לאָפּאַטין איז צוגעגאַנגען צו זייער עלטסטן און געפּרווּט אים אונטערקויפן. אָבער עס האָט נאָר נים געהאָלפן. ס איז שוין געווען אַלץ קלאָר. אָבער מאָ: עפּעס איז שוין געווען אוממעגלעך. נים ס'איז געווען קיין געוועער און די צאָל דייטשן איז שוי. איצט געוועז אומגעהייער. די גאַנצע מאַסע יידן איז צעשראָקן געשטאַנען פון ביידע זייטן שול־גאַס און זיך אַלץ צוגעקוקט. אַ טייל דייטשן האָבן זיך פּלוצלונג צעוואָרפן אויף אַלע זייטן און מיט מאַשין־געוועער צעשטעלט פּאָסטנס לענג־אוים דעם געטאָ. אַן אַנדערע גרופּע האָט זיך אַריינגעריסן אין געטאָ און אַרויסגעטריבן די יידן. ס'איז געפאַלן דער ערשטער שאָס. דאָס האָט אַ פּאָליציסט צוגעשטעלט דרעפּסקין צו אַ סלופּ און אים דערשאָסן[2]) זיין קערפּער האָט זיך פון ברעג טייך אַרונטערגעקייקלט אין וואַסער אַריין. די יידן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַלע זייטן, זוכנדיק ווו אַ רעטונג. פון יעדן ווינקל האָבן זיך אָבער צו זיי אַ צילעווע געטאָן אויסגעשטרעקטע ביקסן מיט אַ געדיכטן האָגל קוילן. אומגעריכט האָט זיך

2) לוים דער גבית־עדות פון נח זאלטאַנאָוויטש איז עס דערשאָסן געוואָרן ישראל דרעפּסקי, אַן ס"ס האָט אָנגעוויזן אויף אים, אַז ער האָט אונטערגעצונדן דאָס הויז פון יודענראַט. רעד.

איבערן קאָפּ פון איין זשאַנדאַרם אויפגעהויבן אַ שאַרפע האַק, און אַ היל־כיקער אויסגעשריי האָט זיך דערהערט. איך געדענק נישט, וואָס ער האָט געשריען; איך האָב בלויז געזען ווי דער זשאַנדאַרם איז אומגעפאַלן אַ באַגאָסענער מיט בלוט. דער העלדישער שריט פון יצחק ראָכטשין האָט אַ שטויס געטאָן די גאַנצע מאַסע פאָראויס. דאָס זעלבע האָט אויך באַוויזן אשר חפץ (זלמנס), אשר חפץ (יודלס), טביה מינדאַלאָוויטש (16 יאָר אַלט) און אהרון „וואדזשקעס". עטלעכע זשאַנדאַרמען זיינען מיט צעשפּאָלטענע קעפּ געלעגן אונטער די פיס פון דער צעבּרויזטער יידישער מאַסע. אַלע 5 זיינען גליייך אומגעקומען. פון די האָבן יצחק ראָכטשין און טביה מינדאַלאָוויטש זיך געוואָרפן אין טייכל, אָבער די דייטשישע קוילן האָבן זיי דאָרט באַלד געטראָפן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך די גאַנצע מאַסע אַ וואָרף געטאָן צום טויער, וווּ עס איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטער דייטש. לאַפּאַטין האָט ביי אים אַרויסגעריסן דעם אויטאָמאַט, אָבער ליידער האָט ער נישט געקענט שיסן. דער דייטש האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, אַרויסגעכאַפּט זיין פּיסטאָלעט און פאַרווונדעט לאַפּאַטינען אין האַנט. אין דער זעלבער צייט האָט דער ברודער פון אשר חפץ (זלמנס) דערליידיקט אַ צווייטן דייטש און פון אים אַוועקגענומען דעם ביקס. זייענדיק פריער אַ זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי, האָט ער גוט געוווּסט ווי זיך צו באַנוצן מיט דער כלי. די עטלעכע קוילן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ביקס, האָבן אַלע געטראָפן אין ציל און אַוועקגעלייגט עטלעכע פאָסטנס. די מאַסע האָט זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ אין מאַרק אַריין. די דייטשן האָבן פון אַלע זייטן געהאָגלט מיט מאַשין־געווער. הונ־דערטער יידן זיינען געפאַלן אונטער די קוילן, אָבער די מאַסע האָט געשפּאַרט אַלץ פאָרויס. עטלעכע הונדערט יידן האָבן זיך דאָך אַרויסגעריסן פון שטעטל. אַ טייל פון זיי איז אָבער צונויפגעכאַפּט געוואָרן און אויף מאָרגן דערשאָסן געוואָרן לעבן טייך פריפּיעץ, ביי 10 ק"מ פון לאַכווע, און אין אַנדערע ערטער.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע שטעטל אין פּאָליעסיער געגנט, וואָס האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די דייטשן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אין וואַלד כאָבאָט, ביי 20 ק"מ פון שטעטל, וווּ ס'האָבן זיך געפונען פּאַרטיזאַנער־גרופּן, צונויפגעקליבן ביז 120 יידן פון לאַכווע. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל, וואָס פאַרדינט אויך אַ גאַנץ באַזונדערע באַשרייבונג, אַ קאַפּיטל פון פּאַרטיזאַנער־לעבן און פּאַרטיזאַנער־קאַמף.

אהרון שוואָרין.

(צ. ה. ק. 308/176)

## II

דעם 8־טן יולי 1941 איז דאָס קליינע שטעטעלע לאכווע פֿון פּאָלעס׳ער געביט אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. גלייך האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות אויף יידן. ביי דער אַרבעט האָבן די דייטשן זיך געפֿונען גוטע העלפֿער אין די אָרטיקע ווייסרוסן. די האָבן זיך פֿאַרשריבן אין דער פּאָליציי, אָנגעטאָן ווייסע בענדער אויף די אָרעמס און שטאָלץ שפּאַצירט איבער די גאַסן מיט נאַגייקעס אין די הענט. „פּרישלאַ נאַ וואַס ווּרעמיע, זשידי... מיר וועלן שוין מיט אייך ריידן!" אַזעלכע זיינען געווען די פּאָליציסטן: דעמידאָוויטש, כמארא, וואָקסאַ, רוזקאָווסקי (זון), אָקסיאַנע און נאָך אַנדערע. אין שטעטל האָט געהערשט דער רוצח גרעטשקע. ער איז געקומען פֿון אוקראינע צו זיין דאָרטיקן שווער. איבערנעמענדיק זיין אַמט האָט ער געזאָגט: „איצט וועל איך זיך באָדן אין אייער בלוט, זשידליאַקעס, איר וועט דערפֿילן מיין האַנט!" צו אים זיינען נאָך געווען די מיטהעלפֿער קרעפּעל און רודקאָווסקי. דער לעצטער איז געווען פֿון אַלעמאָל אַן אָרעמאַן, האָט געלעבט פֿון פּישעריי און געוואָרן אונטערשטיצט פֿון די יידן.

אין אויגוסט 1941 זיינען אין שטעטל אָנגעקומען ס"ס־אָפּטיילונגען, און דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן פֿרישע ליידן פֿאַר די יידן. מען איז געטריבן געוואָרן צו דער אַרבעט אונטער אַ האָגל קלעפּ מיט נאַגייקעס פֿון די ס"ס־מענער און דער אָרטיקער פּאָליציי. עס דערמאָנט זיך אַ טאָג, ווען מען האָט געפֿירט די רבנים און עטלעכע אָנגעזעענע באַלעבאַטים פֿון שטאָט מיט אונטערגעשאָרענע בערד, צעשלאָגענע און פֿאַרבלוטיקטע. אין מיטן מאַרק איז געשטאַנען אַ פּאָליציסט און געשפּילט אויף אַ האַרמאָניקע. די אויבן דערמאָנטע יידן זיינען געוואָרן געצוווּנגען טאַנצן אַ „מה־יפית", צום נחת פֿון די פּויערים, וועלכע האָבן זיך דאַן געפֿונען אויפֿן מאַרק און מיט גרויס פֿרייד זיך צוגעקוקט צום ספּעקטאַקל. אַזעלכע סצענעס פֿלעגן פֿאָרקומען טאָג־טעגלעך. די יידן האָבן דערפֿילט, אַז לאַנג וועלן זיי שוין ניט לעבן.

דעם 12/8. 41 האָט מען אַרויסגעטריבן אַ גרופּע יונגטלעכע הינטערן שטאָט לעבן בית־עלמין; זיי האָבן געגראָבן גריבער, ניט וויסנדיק צו וואָס פֿאַר אַ צוועק. עס איז געקומען אַ באַפֿעל, אַז דעם 14־טן אויגוסט דאַרפֿן אַלע מענער פֿון 14 ביז 60 יאָר זיך צונויפֿקלייבן אין מאַיאָנטעק (אַ פּריציש׳ער גוט אין שטעטל). דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע פֿאַרוווּנדערונג, ווייל עס איז געווען באַשטימט אויף 4 אַ זייגער אין דער פֿרי. עס זיינען וועגן דעם אַרומגעגאַנגען פֿאַרשיידענע קלאַנגען.

ווען די מענער האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין מאַיאָנטעק, האָבן די ס"ס־מענער געהייסן אַלעמען זיך זעצן אויף די קני מיטן פּנים צום טויער פֿון הויף. אַ וואַך פֿון ס"ס־מענער האָט אַרומגערינגלט די יידן. די מענטשן האָבן שוין פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז געקומען די ענדע. דער פּאָליציסט אָקסיאַנע האָט

גענומען טרייבן מיין פאָטער גרשון שקליאַר ז"ל, אַ ייד פון 67 יאָר, אַ צע־שלאָגענעם, די זאָכן אויף אים צעריסן, באָרוועס און אָן אַ היטל. מען האָט געטריבן נאָך פיל עלטערע יידן, עטלעכע פון זיי האָט מען שוין געטראָגן אויף די הענט, ווייל זיי האָבן שוין ניט געהאַט קיין כוח צו דערגיין פון די מערדערישע קלעפּ פון דער אָרטיקער פּאָליציי, וואָס האָט באַלעבאַטעוועט אין שטעטל. עטלעכע פון די יידן זיינען טאַקע אויף מאָרגן געשטאָרבן, ניט אויסהאַלטנדיק די יסורים, ווי ליפּמאַן בלאָושטיין און פנחס משערנאָמאָרעץ. אַלע האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען די לעצטע מינוטן. אַ דאַנק נאָר דער געוואַלטיקער איבערגעבנקייט פון יידישן קאָמיטעט, וואָס בראש פון אים איז געשטאַנען דער ציוניסטישער פירער דוב לאָפּאַטין, האָט זיך איינגעגעבן צו אונטערקויפן דעם מאַיאָר פון די ס"ס־טיילן, און די אַקציע איז ניט אויס־געפירט געוואָרן. מ'האָט די מענער צעשטעלט אין רייען צו 4, פאַרשריבן יע־דערנס פאַך און אָפּגעלאָזן צוריק אין די היימען.

דאָס לעבן אין שטעטל איז געפלאָסן ווייטער. עס זיינען געווען פאַר־שיידענע באַפעלן און דראָונגען מצד די דייטשן און דער אָרטיקער פּאָליציי.

ערב פסח, דעם 1־טן אַפּריל 1942, זיינען די יידן צונויפגעטריבן געוואָרן אין געטאָ, וואָס האָט פאַרנומען 2 קליינע געסלעך (די שול־גאַס און די אַזוי גערופענע ברעג־גאַס). דאָס געטאָ איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ פּלויט פון שטעכל־דראָט. די דחקות איז דאָ געווען גרויס. דאָס געטאָ איז געהיט געוואָרן דורך דער אָרטיקער פּאָליציי און פּאַטרולן פון דער דייטשישער ווערמאַכט. די יידן פלעגן יעדן טאָג אַרויסגיין צו דער אַרבעט אונטער דער אויפזיכט פון O.T. (אָרג. טאָדט). קומענדיק פון דער אַרבעט פלעגן זיי ביים טויער פון געטאָ רעווידירט ווערן דורך דער פּאָליציי, און ביטער איז געווען דעם, ביי וועמען מ'האָט וואָס געפונען. דער הונגער האָט זיך שוין געפילט אין געטאָ. מענטשן פלעגן אַוועקגעבן די פּויערים זייער האָב און גוטס, כדי נאָר צו באַקומען אַ פּאָר קילאָ מעל אָדער אַנדערע פּראָדוקטן. ביים טויער פלעגט מען אָבער דאָס צונעמען און דעם יידן נאָך אומברחמנותדיק צעשלאָגן. די יידן האָבן געלעבט אין שווערע און גרויזאַמע באַדינגונגען. דער הונגער האָט געהערשט זייער שטאַרק. מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען געשוואָלענע. פיל זיינען געלעגן און קיין כוח נישט געהאַט אַרומצוגיין. אין דער לופט האָט שוין געשמעקט מיט פולווער. אַלע שטעטלעך אַרום לאַכווע זיינען שוין געווען ריין פון יידן. לאַכוועער יידן האָבן דערפילט, אַז זייערע טעג זיינען שוין אויך געציילטע. די יוגנט האָט גענומען אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנדס־גרופּע. עס איז אָבער ניט געווען צו באַקומען קיין געווער, ניט געקוקט אויף די אַלע באַמיזונגען. דאָך האָט מען באַשלאָסן זיך ניט לאָזן טרייבן ווי שעפּסן צו דער שחיטה. בראש פון דער ווידערשטאַנדס־גרופּע איז געשטאַנען דער אומפאַר־געסלעכער העלד יצחק ראָכמאַן. מ'האָט זיך גענומען גרייטן צו באַגעגענען

די מערדער מיט העק, האַמערס און בכּ־ל מיט אַלץ, וואָס קען געבן אַ
טויט־קלאַפּ.

דעם 42 .2/9 האָבן פויערים אויסגעגראָבן ביים שטעטל אַ גרוב פון 60
מעטר לענג און 4 מ. ברייט. ווי אין נאָך פיל מקומות האָבן אויך דאָ ד
דייטשן אינסצענירט אַ משפּט איבער דעם גורל פון די יידן. דעם טויט־אור־
טייל האָבן אונטערגעשריבן 12 מאַן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, ווי
יאַן פאדובני, גריגאָרי יעמידאָוויטש, רודקאָויסקי, גרעטשקע, כאָך, גאָזאַ און
נאָך אַנדערע. דעם 1942 .3/9 איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך
ס"ד און פּאָל־ציי פון גאַנץ פּינסקער געביט. די פּאָל־ציי האָט זיך געריבן די
הענט פון פרייד – איצט וועלן זיי האָבן אַ פעטן רויב; מ'וועט זיך אָננעמען
יידישן האָב און גוטס. די יידן האָבן אָבער געטראַכט אַנדערש: איידער פאַר
־י רוצחים, זאָל עס בעסער גיין מיטן פייער! ווען די ס"ד־מענער זיינען אַריין
אין געטאָ און באַפוילן זיך אויסשטעלן אין רייען, האָבן די יידן זיך אַ וואָרף
געטאָן צו די הייזער און זיי גענומען אונטערצינדן. דער ערשטער האָט אונ־
טערגעצונדן דער פרעזעס פון יודענראַט דוב לאָפּאַטין – דאָס הויז פון
למן חפץ, וווּ ס'האָט זיך געפונען דער יודענראַט. זיין ביישפּיל האָבן גלייך
ענומען נאָכטאָן די אַלע אַנדערע פון שטעטל. ביי די ס"ד האָט דאָס אַרויס־
גערופן אַ פּאַניק. דאַן זיינען געפאַלן די ערשטע קרבנות – אַברהם סלוצקי
און ישראל דרעפּסקי. אַ האָגל פון קוילן פאַלט אין המון אין די לעצטע מי־
נוטן. דער גערוּאַנגל מיטן טויט האָט זיך אָנגעהויבן. דער ערשטער האָט זיך
געוואָרפן מיט אַ האַק צום שעף פון דער ס"ד־גרופּע יצחק ראָכטשין. אַ באַ־
וואָסענער מיט בלוט איז דער שעף אַנידערגעפאַלן, און ראָכטשין אַליין, נים
האָבנדיק קיין אויסוועג, האָט זיך געוואָרפן אין טייך, ווו אַ קויל האָט אים
געטראָפן. אין דער זעלבער צייט פאַלט ביים טויער פון געטאָ אַ צווייטער
פון די ס"ד דורך חיים חפץ און די ברידער אָשר און משה לייב חפץ. דאַן
פאַלט אַ דייטש דורך משה קאָלפּאָניצקי. די מאַסע איז געוואָרן אויפגעברויזט.
מען האָט אַדורכגעבראָכן דעם טויער פון געטאָ און ווער עס האָט געקענט,
האָט גענומען לויפן. דאָס שטעטל איז געוואָרן באַדעקט מיט טויטע קערפּערס.
אַ סך פון די העלדן זיינען געפאַלן. משה לייב חפץ האָט פון
אַ ס"ד, וואָס איז אים באַפאַלן, צוגענומען דעם ביקס און גענומען
שיסן אין די רוצחים. פיל פון זיי האָט ער געטראָפן. אין דער
זעלבער צייט איז דוד לאָפּאַטין אָנגעפאַלן אויף אַ צווייטן דייטש.
ווענדיק אָפּנעמען פון אים זיין מאַשין־געווער, איז ער געוואָרן פאַרוווּנדעט
אין ביידע הענט. דער טומל איז געווען גרויס. פיל מענטשן לויפן מיט די
לעצטע כוחות, ווילן שוין זיין אין די וועלדער ביים פּריפּיעץ. דאָרט קען זיין
זייער דערלייזונג. פון 2000 מאַן זיינען בערך 600 אַהין דערגאַנגען. די פּאָליציי
און ווייסרוסישע איינוווינער האָבן זיי אָבער געכאַפּט און אויף אַ ברוטאַלן

אופן דערמאָרדעט. אויף אייביק זאָל פאַרשאָלטן ווערן דער וואַלד־וועכטער פּאָלין, וועלכער האָט מיט זיינע אייגענע הענט דערשאָסן בערך 200 יידן. וויניק מענטשן האָט זיך איינגעגעבן פירן צו דער גרוב. קינדער און קיִנד, אַלטע, ווער עס האָט נאָר געקענט, איז געלאָפן. מען האָט בעסער געוואָלט די קויל זאָל טרעפן לויפנדיק, נאָר נישט גיין צו דער גרוב.

פון די אַנטלאָפענע 600 מאַן האָבן פּיל געקעמפט אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און אין דער רויטער אַרמיי, נעמענדיק נקמה פאַר אונדזערע טייערסטע און ליבסטע, וועלכע זיינען געפאַלן אויף קידוש־השם פון די היטלערישע חיות. ביי 120 פון די לעבן איצט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע.

חיים שקליאר.
אברהם פיינבערג.

(צ. ה. ק. 522/462)

מענדל ליפשיץ

# יידיש־פּוילישע זעלנער אין געפאַנגענשאַפט

(זכרונות)

## א.

אַלע לאַגערן פון קריגס־געפאַנגענע סאָלדאַטן אין דייטשלאַנד האָבן געטראָגן דעם נאָמען סטאַלאַג. אַזוינע סטאַלאַגן זיינען געווען זייער פיל אין דייטשלאַנד. די גרעסטע זאַמל־פונקטן פון די יידישע קריגס־געפאַנגענע פון דער פוילישער אַרמיי האָבן זיך געפונען אין סטאַלאַג A I ביי קעניגסבערג און סטאַלאַג B II ביי האַמערשטיין (פּאָמערן). אין סטאַלאַג A I האָבן זיך אין די מאָנאַטן אָקטאָבער־נאָוועמבער 1939 געציילט איבער 4000 מאַן. צווישן די יידישע געפאַנגענע זיינען אויך געווען ציווילע אינטערנירטע יידן, וועלכע האָבן מיט דער אַרמיי קיין שייכות ניט געהאַט. זיי זיינען ווי פיל ציווילע פּאָליאַקן פאַרשלעפּט געוואָרן און געבליבן פאַרשפּאַרט אין די לאַגערן פאַר קריגס־געפאַנגענע. אָנפאַנגס זיינען די ציוויליסטן געווען אונטערגעוואָרפן אַ באַזונדערן פּאַראַגראַף. אין 2 וואָכן אַרום, ווען אַלע יידישע געפאַנגענע זיינען געוואָרן אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע, האָט מען די ציווילע יידן אויך צוזאַמענגעמישט מיט די יידישע סאָלדאַטן.

די באַהאַנדלונג פון די יידישע געפאַנגענע איז געווען זייער אַ שלעכ־

טע. ווייל אויסער די שיקאַנעס פון דער דייטשער אַדמיניסטראַציע איז מען זייער פיל אויסגעשטאַנען פון די קריגס־חברים, מיט וועלכע מען איז צוזאַמען געלעגן אין די שוץ־גראָבנס און געקעמפט. דאָס זיינען געווען פּאָליאַקן, אוקראַינער, ווי אויך פּויל־שע פאָלקס־דייטשן. וועלכע זיינען די ערשטע 14 טעג אויך געווען צוזאַמען מיט אונדז. עס איז אָבער געווען אַ געוויסע טייל פּאָל־אַקן, וואָס האָט זיי געטאַדלט פאַר זייער ברוטאַלער אויפפירונג. די האָבן זיך אָבער מיט דעם ניט גערעכנט און געפירט ווייטער זייער שענדלעכע אַרבעט.

די באַראַקן אין סטאַלאַג האָט מען דאַן ערשט אָנגעפאַנגען צו בויען, און די געפאַנגענע האָבן געוווינט אין צעלטן. יידן האָבן געוווינט אין באַזונדערע צעלטן. ווען די צאָל פון די יידישע געפאַנגענע איז דערגאַנגען איבער 4000 האָט מען זיי אָפּגעגעבן אַ גאַנצן קוואַרטאַל. וואָס די דייטשן און פּאָליאַקן האָבן גערופן די יודען־גאַס. פון דעם נאָמען אַליין וואָלטן מיר, יידן, געהאַט אַ קנאַפּן ענמת נפש, ווען ניט די שענדלעכע מעשים, וואָס זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין דעם יידישן קוואַרטאַל מצד פּאָליאַקן אויף מענטשן, וועלכע האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט און פאַרטיידיקט דאָס פּוילישע פאָטערלאַנד. די יידישע געפאַנגענע סאָלדאַטן פון דער פּוילישער אַרמיי פלעגן יעדן טאָג ווערן איבערפאַלן פון זייערע קריגס־קאַמעראַדן. די פלעגן אַרונטערציען די בגדים, שיך און אַפילו אַ היטל, ווען דער ייד האָט נאָר געהאַט אַ בעסערע. ביים אינטערווענירן ביי די דייטשע אויפזעער פלעגן יענע ענטפערן: „ביטע, דאָס מאַכן דאָך מיט אייך אייערע קריגס־קאַמעראַדן“... יום־כפור (ת״ש — 1939) צו נעילה איז געקומען צו אַ גרויסן געשלעג צווישן די אָנפאַלער און די יידישע געפאַנגענע. די יידן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די דייטשע וואַך פון די טורעמס האָט באַנוצט געווער. און איינער פון די יידן איז געפאַלן טויט. פון יענעם טאָג אָן פלעגט ביינאַכט אין יעדן צעלט פון די יידישע געפאַנגענע געשטעלט ווערן אַ פּאָסטן. די אָנפאַלער האָבן זיך אַ ביסל באַרויקט.

ביי דער באַעררדיקונג האָט מען די יידן טראַקטירט גלייך ווי אַלע אַנדערע געפאַנגענע. מען האָט געמאַכט אַ קאַסטן, באַגראָבן מיט די זאַכן און אויפן קבר געשטעלט אַ ברעטל מיטן אויפגעשריבענעם נאָמען, פאַרנאָמען, שטאַט און נאַציאָנאַליטעט. זייער פיל יידישע קריגס־געפאַנגענע זיינען באַערדיקט אין גערקען, 3 קילאָמעטער פון סטאַלאַג A I. פיל זיינען געשטאָרבן פון הונגער און קעלט, ווייל דער ווינטער 1939/40 איז געווען זייער אַ שטאַרקער. פיל פון די געשטאָרבענע זיינען אויך געווען פון די פאַרוווּנדעטע אויפן שלאַכטפעלד. די זיינען געלעגן אין די לאַגער־אַמבולאַנסן. דערביי דאַרף מען צוגעבן, אַז אין די אַמבולאַנסן האָט מען די יידישע געפאַנגענע ערגער באַהאַנדלט ווי די אַלע אַנדערע.

## ב.

אין סאַמע אָנפאַנג, נאָך זייענדיק אין די צעלטן, זיינען די געפאַנגענע נאָך סטאַביל ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט. דאָס רוב פלעגט מען דאַן קאָנצענטרירן קאָמאַנדעס אויף אַרויסשיקן צו פאַרשידענע אַרבעטן. רויק זיצן האָט מען אָבער אויך ניט געלאָזן, ווייל מען פלעגט שוין אויסגעפינען גענוג אַרבעט אין לאַגער גופא. אויסער דעם פלעגן יעדן טאָג קומען צום לאַגער דערבייאיקע גוט־באַזיצער און פאַרלאַנגען גרופעס אַרבעטער אויף לאַנדאַרבעט. צו אַזאַ אַרבעט, פאַרשטייט זיך, האָט זיך יעדער געכאַפּט שוין צוליב דעם, וואָס דער הונגער אין לאַגער איז געווען זייער גרויס און ביי אַזאַ אַרבעט האָט מען קיין הונגער ניט. צוליב דעם טאַקע איז גלייך אַרויס אַ באַפעל, אַז יידן טאָרן ניט אַרויסגיין צו קיין אַרבעט. אויף אויספירן דעם באַפעל האָט שוין געזאָרגט די דייטשע אַדמיניסטראַציע צוזאַמען מיט די לאַגער־שרייבער, וועלכע זיינען געווען פון די געפאַנגענע, אָבער ניט־יידן. די פלעגן נאָך מיטהעלפן דער דייטשער אַדמיניסטראַציע צו אויסגעפינען יענע יידישע געפאַנגענע, וועלכע האָבן ניט קיין טיפיש־יידישן אויסזען און שמוגלען זיך אַמאָל דורך מיט די אַרישע געפאַנגענע. ווען אַזאַ ייד איז דערטאַפּט געוואָרן, פלעגט ער באַקומען אַזוי געשלאָגן, אַז זעלטן ווען ער האָט שוין געקענט לעבן מער ווי עטלעכע טעג.

מיט דעם צעלטן־לאַגער האָט אחוץ דער דייטשער אַרמיניסטראַציע אויך אָנגעפירט אַ געוויסער פלוטאָנאָווע (אונטער־אָפיציער) פון דער פוילישער אַרמיי. דער ריכטיקער נאָמען זיינער איז ניט געווען באַקאַנט. ער איז געווען אַ גרויסער יידן־פרעסער. די יידישע געפאַנגענע האָבן אים גערופן „ראָם באַרעטל", ווייל ער האָט שטענדיק געטראָגן אַ שוואַרצן בארעט. און אַזוי ווי עס פלעגן פאָרקומען טאָג־טעגלעך 5 אָדער 6 מאָל אַפּעלן, פלעגט שוין דער פלוטאָנאָווע זאָרגן, אַז די יידן זאָלן פריער פון אַלע זיין אויף דעם אַפּעל און אַוועקגיין די לעצטע. פאַר די אויגן פון די אַלע איבעריקע געפאַנגענע פלעגט ער וואַרפן שמוץ אויף די יידן, לויט זיינע רייד איז עס צוליב די יידן געקומען צו אַ קריג צווישן פוילן און דייטשלאַנד; צוליב די יידן האָבן אויך די פּאָליאַקן פאַרשפּילט דעם קריג; און טאַקע דער היטלעריזם וועט אויסראָטן ביזן לעצטן ייד. די דייטשן האָבן פון אַזאַ איינעם, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן, און די יידישע געפאַנגענע האָבן פון אים געליטן גרויסע צרות. ער האָט אויך געזאָרגט, אַז די גרעסטע טייל יידישע געפאַנגענע זאָלן גיין צו די בוי־אַרבעטן ביי די באַראַקן, וואָס מען האָט געשטעלט פאַר די געפאַנגענע אויף ווינטער. אַחוץ די שווערע אַרבעט דאָרט, 12־13 שעה אַ טאָג און ווייניק עסן, האָט מען אויך באַקומען קלעפּ. און ראָך איז מען ביי דער אַרבעט געווען צופרידענער ווי בלייבן אין לאַגער מיט דעם אויבן דערמאָנטן מערדער. די אונטערנעמער פון באַראַקן־בוי זיינען געווען

2 דייטשישע פריוואַט־פירמעס. איינע האָט געהייסן „קלאמט" און די צווייטע — „מאָדריקער". די אַרבעט איז געטריבן געוואָרן אין אַזאַ שנעלן טעמפּאָ, אַז אין פאַרלויף פון 2 מאָנאַט זיינען פאַרטיק געוואָרן 10 באַראַקן מיט קאַנאַליזאַציע און עלעקטרע.

בײ 500 מעטער ווייט פון אָט די באַראַקן, האָט מען געבויט אַנדערע באַראַקן, וואָס האָבן זיך גערופן לאַגער L, אַן אָפּטיילונג פון סטאַלאַג A I. די יידישע קריגס־געפאַנגענע פון אָט דעם סטאַלאַג האָבן זיך אריבערגעקליבן אין די באַראַקן נאָר די לעצטע. ערשט ענדע אָקטאָבער (1939), ווען די וועטערן זיינען שיין געווען גוט קאַלט און נאַס. ביז דאַן זיינען זיי נאָך געלעגן אין די געלטן. גלייך אָבער צומאָרגנס איז געקומען אַן אָנווייזונג פון בערלין, אַז אַלע יידישע געפאַנגענע קענען גיין צו עפנטלעכע אַרבעטן. אַ פרייד האָט ארומגענומען אַלעמען: ענדלעך זיינען מיר גלייך מיט די אַלע איבעריקע געפאַנגענע! דעם 27־טן אָקטאָבער האָט מען זיך רעגיסטרירט און טאַקע דעם 28־טן אָקטאָבער 1939 זיינען טראַנספּאָרטן פון יידישע געפאַנגענע אין סטאַלאַג A I אָפּגעפאָרן אין פאַרשידענע ריכטונגען, ווי צ"ב טילזיט, ברעסלאַו, אינסטערבורג און קעניגסבערג. די אינוואַלידן און זייער אַ סך ציווילע יידן זיינען געבליבן. גלייכצייטיק האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ציווילע און אינוואַלידן וועט מען באַפרייען.

בײ די יידישע געפאַנגענע וואָס זיינען געפאָרן אויף אַרבעט איז די פרייד געווען זייער גרויס. ניט געקוקט אויף דעם וואָס מען האָט ניט געוווּסט וואָס עס דערוואַרט ערגעץ אַנדערשוווּ, איז מען דאָך אָבער פּטור געוואָרן פון לאַגער. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. ניט פאַרביי קיין דריי מאָנאַט און עס איז געקומען אַ צווייטער באַפעל, אַז די יידישע געפאַנגענע מוזן צוריק געבראַכט ווערן אין לאַגער. די דייטשע פאַבריקאַנטן האָבן געפּרוּווט אינטערווענירן בײ דער מיליטער־מאַכט וועגן לאָזן בײ זיי ווייטער די יידישע געפאַנגענע. זיי האָבן געטענהט, אַז די יידן זיינען גוטע אַרבעטער און דערצו קענען זיי זיך מיט זיי גוט פאַרשטענדיקן. און באמת האָבן די פאַבריקאַנטן באַזונ־ערט די אַרבעט פון די יידישע געפאַנגענע. זיי פלעגן אַלץ פרעגן: פון וואַנען קענען דאָס יידן אַזוי גוט אַרבעטן? פאַר דער היטלער־פּראָפּאַגאַנדע האָט דאָס, פאַרשטייט זיך ניט געטויגט.

די טענות פון די פאַבריקאַנטן זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן, און ביז דעם 13־טן מערץ 1940 זיינען אַלע יידישע געפאַנגענע צוריק געבראַכט געוואָרן אין לאַגער. בײ דער אַרבעט איז געלונגען צו בלייבן נאָר די יעניקע יידן, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס אריער. אַזעלכע זיינען געווען אַ גאָר קליינע צאָל. אַ טייל פון אָט די זיינען שוין פאַרבליבן בײ דער אַרבעט אין דייטשלאַנד ביז ענדע קריג.

שוין זייענדיק צוריק אין לאַגער האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז פיל יידן פעלן. אַ גרעסערע צאָל איז אין פאַרלויף פון די פּאָר מאָנאַטן אויסגעשטאָרבן. דער טראַנספּאָרט פון אינסטערבורג האָט געגעבן זייער פיל קרבנות – פון 270 מאַן האָבן זיך צוריקגעקערט 50. די איבעריקע זיינען געשטאָרבן פון הונגער און קלעפּ צום בעסטן האָט צוריקגעקערט דער טראַנספּאָרט פון קעניגסבערג. זייער אַ גרויסע טייל פון די ציווילע יידן האָט מען שוין אין לאַגער ניט געטראָפן. ביי 500 פון זיי זיינען אין יאַנואַר 1946 אָפּגעפאָרן אַהיים ווי אַ רוס׳שער טראַנספּאָרט. שפּעטער האָט מען זיך ביי אונדז דער־וווסט, אַז די רוסן האָבן דעם טראַנספּאָרט ניט געוואָלט צונעמען און זיי האָבן די מענטשן צוריקגעשיקט. זייער פיל האָבן פּרובירט שמוגלען די גרענעץ און זיינען אומגעקומען. די וועלכע האָבן געהאַט קרובים אין גוווערנאַמענט, זיינען צו זיי געפאָרן. די איבעריקע האָבן זיך באַזעצט אין די אַרומיקע שטעטלעך ביי דער רוס׳שער גרענעץ, ווו יידן האָבן נאָך צו יענער צייט געמעגט וווינען.

## ג.

אין סטאַלאַג זיינען פאַר דער צייט פאַרטיק געוואָרן פיל באַראַקן. מיט דעם אַרבעטס־איינזאַץ האָט אָנגעפירט אַ דייטשער אָבער־געפרייטער האַפּעל, אַ גרויסער יידן־פיינד. ער האָט אָבער אויף דעם געביט גאָרניט געדאַרפט מאָן, דאָס האָט שוין בשלימות געמאַכט זיין געהילף, אַ געוויסער זבישעק, אַ פּאָליאַק פון וואַרשע (קאַפּראַל פּאָדכאָראָנזשי), וועלכער איז ניט לאַנג געבראַכט געוואָרן אַהער מיט אַ טראַנספּאָרט געפאַנגענע פון וואַרשע־ווער קאַפּיטולאַציע. צוליב דעם וואָס דער זבישעק האָט גוט געשלאָגן יידן האָט ער נושא חן געווען ביי דער דייטשער אַדמיניסטראַציע. די יידישע געפאַנגענע, וועלכע זיינען ניט געפאָרן אויף אַרבעט האָבן פון אים דאָ אין לאַגער זייער פיל געליטן. אין די גרעסטע פרעסט, שנייען. זאַווערוכעס פלעגט ער צו דער אַרבעט שיקן נאָר יידן. האָט זיך אָבער געהאַנדלט וועגן לייכטערע אַרבעט, האָט ער קיין יידן ניט געלאָזט גיין און נאָך פּראָוואָצירט זיי צו קלעפּ.

אויף די יידישע געפיינ׳קטע. וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון טראַנ־ספּאָרט אין לאַגער אַריין, האָט דער פּאַרשוין געמאַכט זייער אַ שלעכטן איינדרוק. ער האָט געהאָלפן דער דייטשער אַדמיניסטראַציע מיט חוזק מאַכן פון די יידישע געפאַנגענע. ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ געפאַנגענעם, אַ מין לא־יוצלח און נאָמינירט אים אַלס יידישן „גענעראַל". ער האָט אים אויסגע־פּוצט אין אַן אָפיצערן־אוניפאָרם און מיט די העכסטע מיליטערישע אויסציי־כענונגען פון דער פוילישער אַרמיי; אויף דער פּלייצע – אַ גרויסער מגן־דוד

מיט אַ סערפּ און האַמער. דער „גענעראַל" האָט געהאַט דאָס רעכט צו שלאָפן ביז 10 אַ זייגער, געהאַט פּרייען צוטריט צו דער קיך. ביי אַלע אַפּעלן האָט ער געמוזט זיין דערביי. קיינער האָט נישט געהאַט קיין רעכט אים אַ וואָרט זאָגן, אויסער דער לאַגער־פירער, וועלכער איז געווען אַ פאַל־קאָווניק פון דער ווערמאַכט.

פאַר דער צייט, ווען די יידן זיינען געווען אָפּגעפאָרן צו דער אַרבעט, איז אויך אָנגעקומען אין סטאַלאַג I A אַ טראַנספּאָרט 200 געפאַנגענע פון דער פּוילישער אינטעליגענץ. צווישן זיי זיינען געווען דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, בירגערמייסטערס, סטאַראָסטעס, שרייבערס. זיי האָט מען צו דער אַרבעט נישט געשיקט. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע האָט מען זיי נישט שלעכט טראַקטירט.

## ד.

ווען אַלע יידישע געפאַנגענע האָבן שוין צוריקגעקערט אין לאַגער האָט מען זיי אָנגעהויבן רעגיסטרירן פון וועלכן פּוילישן געביט זיי שטאַמען, צי פון דייטש־אָקופּירטן אָדער פון סאָוועטיש־איינגענלידערטע. עס האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַלע יידישע געפאַנגענע ווערן באַפרייט. קיינער האָט דאַן נישט געקענט פאַרשטיין די פּאָליטיק, פאַרוואָס עפּעס גראָד יידן באַ־פרייט מען. עס איז געווען אַ ווערסיע, אַז דאָס האָבן אויפגעטאָן די יידן אין אויסלאַנד מיט זייערע פּראָטעסטן. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט מען זיך דער־ווייל געפרייט, וואָס מעו ווערט פּטור פון אַזוי פיל ליידן און יעדער פאָרט צו זיין פאַמיליע. די רעגיסטראַציע מיט די איבעריקע הכנות האָבן געדויערט עטלעכע טעג. פאַר דער צייט זיינען צוגעקומען נייע יידן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט פיגורירט ווי פּאָליאַקן. זיך דערוויסנדיק אַז אַלע יידן שיקט מען אַ היים, האָבן זיי אין די שרייב־שטיבער אויפגעקלערט דעם אמת. פאַר־שטייט זיך, אַז אַזוינע אויפקלערונגען זיינען טרוקן נישט אָפּגעגאַנגען, און נישט איינער האָט פון די אריינגעכאַפּטע קלעפּ שוין אינגאַנצן פאַרשפּאָרט צו פאָרן... דאָך האָבן זיך זייער אַ סך רעגיסטרירט און זיך נישט אָפּגעשראָקן, אַבי צו פאָרן אַ היים צו דער פאַמיליע.

ענדלעך איז געקומען דער גליקלעכער טאָג (22.3.1940), ווען די אַלע יידישע געפאַנגענע זיינען באַפוילן געוואָרן צו פאַרזאַמלען זיך אויף דעם אַפּעל־פּלאַץ. יעדער האָט געקענט מיטנעמען וואָס ער האָט פאַרמאָגט. דער עולם איז שוין געשטאַנען גרייט צום אָפּפאָרן, אָבער דאָ זיינען געקומען די שרייבער און איינער פון זיי האָט געגעבן אַ באַפעל: „די פון רוסישן געביט שטעלן זיך עקסטרא". נאָכדעם האָט מען גענומען פאַרלייענען די מענטשן פון דייטשן געביט, פון וואַרשעווער קרייז, קעלצער, לאָדזשער, און אַזוי יעדן קרייז גרופּירט באַזונדער. די יידישע געפאַנגענע פון רוסישן געביט האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע חברים פון דייטשן געביט. און זיינען געבליבן פאַרשטיי־

נערט שטייען אויף דעם אַפּעל־פּלאַץ, נ־ט ווּסנדיק וואָס דאָ פּאַסירט. נאָר אַט קומט אָן דער קאַנצעלאַריע־שעף, אַ געוויסער פעלדפעבל פישער, און מעלדעט די אַלע יידן פון רוסישן געב־ט, אַז זיי זאָלן גיין צוריק אין די באַראַקן; אין 3 טעג אַרום וועט אָפּגיין אַ טראַנספּאָרט קיין רוסלאַנד. דאָ האָט מען שוין גאָרנ־ט באַגריפן די פּאָליטיק. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען זיך פון פאַרשיידענע קוועלן דערוווּסט, אַז אויך אין די אַנדערע לאַגערן, ווּ יידיש־פּוילישע געפאַנגענע געפינען זיך, איז געווען דער זעלבער באַפעל. פון דעם גאַנצן צוזאָג, אָבער, צו אָפּטראַנספּאָרטירן אונדז נאָך די 3 טעג האָט זיך גאָרנ־ט אויסגעלאָזט. מיר האָבן זיך ביסלעכווייז באַרוּיקט און גע־מוזט שלום מאַכן מיט דעם גורל.

די זאָרג פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ האָט ווידער גענומען אונדז באַהערשן. יעדער האָט ווייטער גענומען זוכן אַ בעסערע אַרבעטס־קאָמאַנדע, ווּ מען זאָל זיך קענען שאַפן נאָך אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל זופּ. פון אַ היים פאָרן האָט מען זיך שוין באַלד מיאש געווען. אַנדערע האָבן אַפילו פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די רוסישע רעגירונג וויל נ־ט צוריק־נעמען די געפאַנגענע.

מען האָט ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן ביי די פירמעס „קלאַמט“ און „מאָדריקער“. די פאַרפלעגונג האָט זיך פאַרערגערט. די פאַרפלעגונג האָט אָבער נישט אַזוי געערגערט די יידישע געפאַנגענע, ווי די מאָראַלישע באַ־ליידיקונג. פאַרפלעגונג האָבן די יידישע געפאַנגענע באַקומען ווי די אַלע אַנ־דערע. מען האָט אונדז אָבער אויף שריט און טריט פון אַלע זייטן שיקאַנירט און באַליידיקט. דייטשע באַנדיטן מיט דעם באַרימטן זב־שעק בראש פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין די ייד־שע באַראַקן, נעמען שלאָגן אָן אַ פאַרוואָס און וואַרפן אַזוי פיל שמוץ אויף דעם יידן, אַז ראָס האַרץ פלעגט פּלאַצן פון פאַרדרוס, הלמאי מען ווערט אַזוי מאָראַליש באַליידיקט און טאַקע פון אַן אייגענעם קריגס־קאַמעראַד, ווי דער פּאָדכאָראָנזשי זבישעק.

אַ שטיקל גליק איז נאָך געווען, וואָס איצט האָט שוין געפעלט דער יידישער „גענעראַל“. מיט די געפאַנגענע פון דייטשן געב־ט האָט ער פאַרלאָזן דעם לאַגער. ביי זיין אָפּפאָרן האָט פעלדפעבל פישער אין אָנוועזנה־ט פון די אַלע ייד־שע געפאַנגענע דערקלערט, אַז עס טוט א־ם זי־ער לייד, וואָס דער גענעראַל פאַרלאָזט דעם לאַגער; ער איז געווען זייער צופרידן פון א־ם. דער־ביי האָט ער מיט באַרויערונג אַרונטערגענומען פון א־ם אַלע אויסצייכענונגען און צוגענומען אויך די אָפיצערן־אוניפאָרם. ביי די יידישע געפאַנגענע פון רוס־שן געב־ט האָט מען שוין קיין „גענעראַל“ נ־ט נאָמ־נירט. די יידן האָבן דאָס אויסגעטייטש, אַז די דייטשן האָבן מורא אַ ביסל צו חוזקן פון רוסישע בירגער...

## ה.

דערווייל איז אונטערגעקומען פסח. דאָס איז אַ יום־טוב וואָס ווירקט נאָך מער, אַז מען זאָל זיך פאַרטראַכטן, ווו מען געפינט זיך. מיט אַ יאָר צוריק איז דאָך נאָך יעדער איינער געווען אַ מענטש מיט אַנ׳ערע צוגלייך, איז איך געווען מיט אַ פאַמיליע, מיט איינענע. ווו זיינען זיי הײַנט? פונדעסטוועגן האָט זיך יעדער איינער געשאפן מוט. אַ פּאָר ענערגישע יינגלעך האָבן אָרגאַניזירט, אַז די סדר־נאַכט זאָלן אַלע עסן צוזאַמען אָוונטברויט. מען האָט צו וויסן געגעבן אַלע יידישע געפאַנגענע, אַז אין יעדן יידישן באַראַק, וועט מען אָפּריכטן דעם ס״ר. איינער אַ חבר האָט גראָד דערהאַלטן אַ פּעקל מצה פון זיינעם אַן אָנקל אין שווייץ. ער האָט עס צעשענקט פאַר אַלע יידישע געפאַנגענע, עס זאָל ווייניקסטנס יעדער איינער האָבן אַ כזית. אין אָוונט גלייך נאָכן דאַוונען האָבן זיך אַלע געזעצט ביי די טישן. עטלעכע חברים האָבן גערעדט וועגן דער שרעקלעכער לאַגע פון דעם יידנטום בכלל. מען האָט אָפּגעריכט דעם סדר. אַלע האָבן געגעסן דעם אָוונטברויט. עס האָט זיך דאָך געפילט אַ יום־טובדיקע שטימונג. דערביי איז צו פאַרצייכענען אַ כאַראַקטעריסטישן מאָמענט. אַרום 10 אַזייגער ביינאַכט קומט אַריין אַ געפאַנגענער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין לאַגער מיט דעם נאָמען מאַריאַן און האָט דאָ געהאַט אַ גרויסן און פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. ער באַגריסט אונדז אַלעמען מיט אַ פריינדלעכן גוט יום־טוב. אין אָנהויב האָט מען זיך דערשראָקן, ווייל יעדער איינער האָט געגלייבט, אַז ער איז אַ פּאָליאַק. ער האָט צוגערופן עטלעכע באַקאַנטע מיט וועלכע ער האָט געהאַט פאַרבינדונגען אין לאַגער, און זיי דערציילט, אַז מאָרגן פאָרט ער אַהיים. ער איז אַ וואַרשעווער ייד און דאָ פיגורירט ער אַלס פּאָליאַק. אַזוי ווי עס גייט אָפּ אַ טראַנספּאָרט פּאָליאַקן אַלס קראַנקע אַהיים, האָט ער זיך אייך באַמיט צו באַקומען אַזאַ באַשיינינקונג. ער האָט זיך פריינדלעך געזעגנט, איבערלאָזנדיק פאַר די אָפּגעשוואַכטע יידישע געפאַנגענע צו לעבלעך ברויט. דאָס וויכטיקסטע וואָס ער האָט אונדז איבערגעגעבן איז דאָס, אַז ער האָט שוין עטלעכע מאָל געהאַט געשפּרעכן מיט דער פּויל׳שער אינטעליגענץ, וועלכע געפינט זיך דאָ אין לאַגער, וועגן דעם זבישעק און זיין באַציונג צו די יידישע געפאַנגענע. ער האָט זיי אונטערגעשטראָכן, אַז אַזוינע זאַכן וואַרפן אַ פלעק אויף דעם גאַנצן פּוילישן פאָלק. זיי, די אינטעליגענטן, קומען דאָך מיט דעם זבישעק אין געזעלשאַפט, מוזן זיי אויף אים ווירקן. אַלזאָ, זיי האָבן דעם מאַריאַנען צוגעזאָגט אויף דעם געביט עפּעס צו טאָן. ער האָט זיך מיט אונדז אַלעמען געזעגנט. זיין ריכטיקער נאָמען איז געבליבן פאַר אונדז אומבאַקאַנט.

## ו.

עס איז אַריבער דער יום־טוב פּסח און אויך שבועות. דורכגעמאַכט נאָך שווערע 7 וואָכן. מען איז אָבער געווען צופרידן, וואָס מען לאָזט גיין צו דער אַרבעט. דער בּאַרימטער זבישעק איז אָבער רואיק נים געזעסן און אַלץ געוועבט זיינע פּלענער, ווי אַזוי אָנצוטאָן די יידן נגישות. ער איז געקומען צו דעם אַרבעטס־איינזאַץ מיט אַ פּאָרלייג, אַז די יידישע געפאַנגענע טאָר מען נים לאָזן גיין צו דער אַרבעט, ווייל זיי האַנדלען מיט די מייסטערס. גלייך נאָכדעם איז טאַקע אַרויס אַ בּאַפעל, אַז די יידישע געפאַנגענע איז פאַרבאָטן צו פאַרלאָזן די בּאַראַקן. די מייסטערס זיינען גלייך געקומען מיט אַ פּראָטעסט, ווייל צווישן די יידישע געפאַנגענע זיינען געווען פיל האַנטווערקער, ווי סטאָלערס, מולערס, בּלעכערס. די אונטערנעמונגען זיינען געווען זייער צופרידן פון די האַנטווערקער און בּכלל מיט דער אַרבעט פון די יידישע געפאַנגענע. צווישן דעם זבישעק און די דייטשע מייסטערס איז געוואָרן אַ שטאַרקע אינטריגע. זבישעק האָט אָבער געוווסט ווו דעם כעס זיינעם אויסצולאָזן. מיט זיינע מיטהעלפערס איז ער געקומען אין די יידישע בּאַראַקן און האָט בּאַוויזן זיין כוח. עטלעכע יידישע געפאַנגענע האָט ער לעבּנסגעפערלעך צעשלאָגן. פון דעם זבישעק איז שוין פשוט נים געווען קיין מעגלעכקייט צו לעבּן. די פּוילישע אינטעליגענץ, דערוויסנדיק זיך פון זיינע לעצטע מעשים, האָט שוין מער נים געקענט דולדן. זיי האָבּן געלאָזט רופן דעם פאַרשוין. ווי עס האָט דערציילט אַ יידישער געפאַנגענער, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן בּאַקאַנטן פון דער פויל שער אינטעליגענץ האָבּן יענע אים קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אייב ער האָט נים בּרעה צו ענדערן זיין טאַקטיק בּנוגע די יידישע געפאַנגענע, שליסן זיי אים אויס פון דער פויל שער געזעלשאַפט און וועקן זיך מיט אים אין לאַגער אַפילו נים בּאַגריסן; זאָל ער נים מיינען, אַז אין אויסלאַנד וויים מען נים פון דעם; און בּכלל איז נאָך דער קריג נים געענדיקט. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָבּן זיי טאַקע אויף אים געווירקט. אויפהערן אָבער אינגאַנצן שלאָגן יידן האָט פאַר אים נים געפּאַסט קעגן די דייטשן. אַזוי ווי צו יענער צייט האָט מען ווידער געקליבּן אַ טראַנספּאָרט אינוואַלידן און קראַנקע, האָט ער זיך בּאַמיט צו בּאַקומען אַ קראַנקן־שיין און איז מיט דער גרופּע אָפּגעפאָרן קיין פּוילן. אַזוי אַרום איז מען דערלייזט געוואָרן פון דעם מערדער, וועלכער האָט אויף זיין געוויסן צענדליקער קרבּנות פון בּליענדער יידישער יוגנט, וועלכע זיינען דורך פאַרשיידענע ניסים געבּליבּן לעבּן אויפן שלאַכפעלד און ערשט דאָ איז זיי בּאַשערט געווען צו געפינען דעם טויט פון די טמאהדיקע הענט פון אַן אייגענעם קריגס־קאַמעראַד.

## ז.

די לאַגע האָט זיך אויף אַ קורצער צייט באַרויקט. אין מאָנאַט מאי זיינען אין לאַגער אָנגעקומען געפאַנגענע פון בעלגיע, וואָס האָט צו יענער צייט קאַפּיטולירט. אין זעלבן מאָנאַט איז אונדז געמעלדעט געוואָרן, אַז כדי צו פאָרן אַהיים מוזן די יידישע געפאַנגענע פון רוסישן געביט דערוויזן זייער רוסישע בירגערשאַפט. מען האָט גלייך אָנגעהויבן צו שרייבן, זיך ווענדן נאָך פאַפּירן. אַנדערע האָבן אין פאַרלויף פון אַ פּאָר חדשים דערהאַלטן ענטפערס.

דערווייל האָבן די יידישע געפאַנגענע זיך ווייטער מיט געוואַלד געריסן צו דער אַרבעט. די ערגסטע שטראָף איז געווען דאָס זיצן אין באַראַק. די צייט איז געווען לאַנגווייליק. צום לייענען איז ניט געווען וואָס, אמת, עס איז געווען אַ ביבליאָטעק, אָבער פאַר יידן איז זי געווען פאַרבאָטן. דערצו האָט יעדער, וואָס האָט געאַרבעט ביי דער פירמע „קלאמט", באַקומען מאָנאַטלעך באַצאָלט 13 מאַרק אין באָנעס. מיט דעם האָט זיך צומאָל געלאָזט עפּעס קויפן אין דער קאַנטינע. אין ביידע ערטער האָבן יידישע קריגס־געפאַנגענע ניט געאַרבעט.

אין יוני 1940, נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון פּאַריז, זיינען צו אונדז אין לאַגער געקומען זייער גרויסע טראַנספּאָרטן געפאַנגענע פון פראַנקרייך. און דאָ איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער דייטשער אַדמיניסטראַציע איז ניט געלונגען אַרויסצובאַקומען ביי די פראַנצויזן, וועלכע יד־עות וועגן די יידישע מיטגעפאַנגענע צווישן זיי. קיין איין פראַנצויז האָט זיין יידישן קריגס־קאַמעראַד ניט פּראָוואָצירט און ווער רעדט נאָך געמסרט. די סאָלידאַריטעט פון די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע האָט די דייטשן גאָר גענוג געקרענקט. זיי האָבן אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אויף ברעכן אָט די אייניקייט. דאָס איז אָבער זיי ניט געלונגען. איינער אַ געוויסער פוקס איז אַנטדעקט געוואָרן ווי אַ ייד. אַליין האָט ער געשטאַמט פון וואַרשע און האָט פון לאַגער אהין געשריבן אַ בריוו צו זיינע עלטערן, וועלכע האָבן צו יענער צייט נאָך דאָרט געוווינט. דורך אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ איז ער אַנטדעקט געוואָרן. ניט קוקנדיק וואָס ער האָט פאַרנומען זייער אַ וויכטיקן פּאָסטן, איז ער מאָמענטאַל געשטאַנען צום ראַפּאָרט. אַ צעשלאָגענעם האָט מען אים 12 ביינאַכט געבראַכט אין די יידישע באַראַקן. ער האָט אונדז דערציילט, אַז דאָס האָט מען אים געשלאָגן ער זאָל אַרויסגעבן נאָך יידן פון צווישן די געפאַנגענע. ער האָט עס אָבער ניט געטאָן. פוקס האָט זיך אַרויסגעוויזן באמת פאַר זייער אַן אינטעליגענטן מענטש. ער איז געווען דורכגעדרינגען מיטן גורל פון יידישן פאָלק. אַ צייט שפּעטער זיינען נאָך 2 מאַן ווידער דורך אַ צופאַל אַנטדעקט געוואָרן אַלס יידן, צווישן זיי איינער אַ לייטענאַנט. דאָס זיינען געווען די 3 פאַלן פון אַנטדעקטע יידן, און ווי געזאָגט — אַלע דורך אַ צופאַל. די יידיש־פּוילישע קריגס־געפאַנגענע האָבן גאָר געקענט באַוווּנדערן די האַלטונג פון די פראַנצויזישע געפאַנגענע.

## ח.

דעם 1־טן סעפטעמבער 1940 האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ טרויער־אַקאַ־דעמיע פאַר די געפאַלענע חברים אונזערע אויף די שלאַכט־פעלדער. עס איז אויסגעפאַלן ריכטיק זונטיק, מען איז צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען. אַלע זיינען צונויפגעקומען אין איין באַראַק. מיט אַן אינהאַלטסרייכן רעפעראַט איז אַרויסגעטראָטן דער חבר פוקס. ער האָט געגעבן אַן איבערבליק איבער די געשעענישן פון גאַנצן יאָר. ער האָט אויך דערציילט צוליב וועלכע סיבות פראַנקרייך האָט קאַפּיטולירט. נאָך עטלעכע חברים האָבן געהאַלטן רעפעראַטן. עטלעכע חברים האָבן געשפּילט אויף פאַרשיידענע אינסטרומענטן, וואָס זיי האָבן זיך פאַרשאַפט.

צו קיין אַרבעט איז מען שוין דאַן ניט געגאַנגען. די דייטשע אַרמי־ניסטראַציע האָט אַפילו פּרובירט אונדז צו איזאָלירן. די דייטשן האָבן אונדז אַריינגעוואָרפן אין לאַגער L, ווו עס זינען געווען 800 נעגערס, וועלכע זיי־נען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט אין פראַנקרייך. זיי האָבן געמיינט, אַז די נעגערס וועלן אונדז אויפעסן. די דייטשן פלעגן העצן די נעגערס קעגן אונדז, אָבער עס האָט זיי ניט געהאָלפן. פאַרקערט גאָר, די נעגערס האָבן זיך מיט אונדז זייער גוט אויפגעלעבט, און דאָס האָט נאָך מער געקרענקט דער דייטשער אַדמיניסטראַציע.

נאָכן אָפּהאַלטן אונדז 14 טעג אין לאַגער L זיינען מיר צוריק געבראַכט געוואָרן אין אַלטן לאַגער. דאָסמאָל שוין אין באַזונדערע באַראַקן, כדי מיר זאָלן אינגאַנצן ניט קומען אין קאָנטאַקט מיט די אַנדערע קר גס־געפאַנגענע. אַפילו עסן האָט מען אונדז געבראַכט אין באַראַק אַריין. דער הונגער איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן גרעסער, ווייל אַזוי פלעגט זיך יעדער איינער אייף דער אַרבעט עפּעס שאַפן. עס איז אָבער קיין עצה ניט געווען. מען האָט אַלץ געוואַרט, אפשר וועט דאָך אָנקומען אַן ענטפער אויף אונדזערע ביטעס צו דער סאָוועטישער רעגירונג, אַז מיר זיינען אירע בירגער. דאַן וואָלטן מיר שוין קענען פאָרן אַהיים!

דערווייל איז אָנגעקומען ראש־השנה. צו יענער צייט איז ביי די יידישע קריגס־געפאַנגענע געווען דער קאָמפּאַניע־פירער אַ יידישער אונטער־אָפיציר פון דער פוילישער אַרמיי מיטן נאָמען קאָזאַ. זייער אַ טיכטיקער מענטש. ער איז געגאַנגען צו דעם לאַגער־פירער בעטן, אַז וויניקסטנס די טעג פון יום־טוב זאָל מען רו געבן די יידישע געפאַנגענע. צו דער אַרבעט איז מען טאַקע

ניט נענאַנגען, אָבער די דייטשע סאַדיסטן פּלעגן שוין אויסגעפינען זייערע „גומערן" אויף צו אָפּשפּילן זיך מיט די יידן. יעדן טאָג פּלעגן זיי אויסקלערן עפּעס אַנדערש. דאָ איז אין די באַראַקן ניט זויבער, דאָ האָבן זיי אויף דעם אַפּעל ניט אַזוי שנעל זיך אויסגעשטעלט, אָדער אין דער פרי האָט מען אויף אַ סעקונדע פאַרשפּעטיקט מיטן אייפשטיין. אויף דעם חשבון פּלעגן כמעט יע־ן טאָג פאָרקומען שטראָף־איבונגען, בעת וועלכע ניט איינער פּלעגט פאַלן אין אָנמאַכט. וואָס שייך דער זויבערקייט האָבן די יידן זי געהאַלטן מוס ער־האַפט. אַלע מאָמיכיעס, וועלכע פּלעגן קומען אין לאַגער, זיינען צו ערשט געפירט געוואָרן אין די יידישע באַראַקן. ניט געקוקט אָבער אויף דעם אַלעמען, האָט עס ניט געהאָלפן. ביי באַקומען שטראָף פאַר אומזויבערקייט זיינען מיר שטענדיק באַהאַנדלט געוואָרן נאָך פיל שלעכטער ווי די, ביי וועמען די שמוץ איז באמת געווען אומרערטרעגלעך.

די אינטערוויענץ פון דעם חבר קאָזאַ ביים לאַגער־פירער האָט עטוואָס געווירקט. די ביירע טעג ראש־השנה זיינען אַריבער רויק. דעם ערשטן טאָג יום־טוב איז אָנגעקומען דער לאַגער־פירער מיט זיין סוויטע אויף אַ באַזוך. עס איז געווען גראָר ביים אָנפאַנג דאַווענען, האָבן מיר באַלד איבערגעריסן. ווען ער איז אָבער אַריינגעקומען אין באַראַק, האָט ער געהייסן. אַז מען זאָל ווייטער פירן דאָס געבעט. רויק איז אויך אַריבער יום־כפור. מיר האָבן זיך אַליין געוווּנדערט אויף דעם. מען איז דאָ פשוט ניט געוווינט געווען צו אַזאַ רויקייט. יעדער איינער האָט מאַקע געטראַכט: זאָל זיך נאָר גוט ענדיקן...

(סוף קומט)

[צ.ה.ק. 330/244]

---

אַלע רעדאַקציעס, קאָמיטעטן, אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון דער שארית־הפליטה ווערן נאָכאַמאָל דערמאָנט צו אַריינשיקן אין צ. ה. ק. צו 5 עקזעמפּלאַרן פון זייערע דרוק־אויסגאַבעס, ווי צייטונגען, זשורנאַלן, ביולעטענען, פּלאַקאַטן, פלוג־בלעטער אדג.

אונזער אַדרעס:

Central Historical Commission at the Central Committee of Liberated Jews in the American Zone of Occupation in Germany, Munich, Möhlstr. 12a.

---

# א קאַפּיטל שעדלעץ

(גבית־עדות)

נאָך די פאַרשיידענע אַקציעס און אויסזידלונגען אין שעדלעץ און געגנט זיינען דאָרט ענדע אָקטאָבער 1942 געבליבן נאָר ביי 12.000 מאַן. דעם 1־טן נאָוועמבער 1942 האָבן די דייטשן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די יידן פון שעדלעצער געגנט, אַז אַלע מוזן דעם 28־טן נאָיועמבער צונויפקומען אין שעדלעצער געטאָ צום זאַמלפונקט „גענשי דאָלעק". דאָרט – האָט עס געהייסן אין אויפרוף – וועט מען די אַרבעטס־פעיקע נעמען צו דער אַרבעט און די אַנדערע וועלן בלייבן אין געטאָ.

דעם 27־טן נאָוועמבער 4 אַ זייגער פאַרטאָג איז אונדזער לאַגער סאַרנאַק מיט די אַלע 150 אַרבעטער דאָרט אַרומגערינגלט געוואָרן דורך געשטאַפּאָ־ליים, אוקראַינער־טרופּן און פּויל־שער פּאָליציי. אין פאַרלויף פון 5 מינוט האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אויפן הויף אין רייען. ווער עס איז צו דער מינוט נישט געווען גרייט, האָט באַקומען פון די רוצחים געשלאָגן מכות־רצח. דריי מאַן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָט מען געפונען און אויפן אָרט זיי דערשאָסן.

מען האָט אונדז, די אַלע 150 מאַן, אָפּגעפירט צו דער באַנסטאַנציע פּלאַטעראַוו און דאָרט פאַרלאָדן אין איין וואַגאָן און געפירט אַ גאַנצן טאָג אָן עסן און אָן טרינקען. פאַר אַ ביסל וואַסער, וואָס אַ קריסט האָט אונדז אומבאַמערקט פון די ס"ס צוגעטראָגן, האָבן מיר געמוזט געבן 500 זלאָטעס. פאַרנאַכט האָט מען אונדז אויסגעלאָדן אויף דער באַנסטאַנציע שעדלעץ. די ס"ס־לייט האָבן אונדז איבערגעבן דער פּוילישער פּאָליציי, וועלכע האָט אונדז געדאַרפט ברענגען אין געטאָ און איבערגעבן דער יידישער פּאָליציי. מען האָט אונדז געפירט אַזוי שטרענג באַוואַכט, אַז מיר האָבן נאָר דאָס ערגסטע זיך געקענט פאָרשטעלן. מען האָט אונדז אָבער אַריינגעפירט אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק פרייען געטאָ. דאָרט זיינען געווען 3 בלאָקן – 2 פאַר יידן און 1 פאַר ציינער. די בלאָקן זיינען געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט אָבער נישט באַוואַכט. נישט לאַנג האָט אָבער אָנגעהאַלטן די דאָזיקע „פרייהייט". אַ מעת־לעת נאָך אונדזער קומען, דעם 30־טן נאָוועמבער 3 אַ זייגער ביינאַכט,

זיינען מיר געוואָרן אַרומגערינגלט פון פוילישער פּאָליציי. צווישן די מענטשן אין געטאָ איז געוואָרן אַ בהלה, אַז מען פירט אונדז קיין טרעבלינקע. 6 העלדישע בחורים, וועלכע האָבן געהאַט רעוואָלווערן, האָבן געוואָלט אָרגאַניזירן אַן אָנפאַל אויף דער פּאָליציי. זיי האָבן געוואָלט שיסן אויף די פּאָליציי, כדי צו שאַפן אַ צעמישעניש און די יידן זאָלן דערווייל קענען אַנטלויפן אין פעלדער און זיך ראַטעווען. די יידישע פּאָליציי האָט אָבער געשטערט און נישט דערלאָזט דערצו. זיי האָבן געטענהט, אַז דערמיט וועט מען ברענגען נאָך אַ גרעסערן אומגליק און מען וועט אונדז אַלעמען אויסשעכטן. אַלס פּאָליציסטן האָבן זיי געמיינט, אַז זיי וועט מען זיכער לאָזן לעבן. די פוילישע פּאָליציי, באַמערקנדיק צווישן די יידן אַן אויפברויז און רעש, האָבן טעלעפאָנירט נאָך הילף. תיכף זיינען געקומען אַ פּאָר אויטאָס מיט אוקראַינער און דייטשע זשאַנדאַרמעריע מיט מאַשין־געווער, און דער צוים אַרום געטאָ איז שטאַרקער באַוואַכט געוואָרן. דאַן האָבן מיר שוין קיין האָפענונג נישט געהאַט צו קענען זיך דורכרייסן. מען האָט אונדז פאַרבאָטן אַריבערגיין פון איין בלאָק אין צווייטן. האָט עס ווער דאָך געפרווט מאַכן, איז ער אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

מיר זיינען אַזוי געזעסן אין די בלאָקן ביז 8 אַ זייגער אין דער פרי. דאַן זיינען אין געטאָ אַריינגעקומען עטלעכע ס"ס־לייט. דעם שעף פון דער יידישער פּאָליציי האָבן זיי באַפוילן גיין פאָרויס. דערווייל האָבן זיי אים פון הינטן מיט אַ רעוואָלווער אַריינגעשאָסן 7 קוילן און אַוועקגעטייט. נאָך דעם האָט מען אונדז אַלעמען געהייסן אַרויסגיין אויפן פעלד ביים געטאָ, זיך אויסשטעלן צו 8־10 מאַן אין אַ ריי און אַזוי בלייבן שטיין. דערביי האָבן אונדז די אוקראַינער געשלאָגן מיט שטעקנס. אין אַ לייכטן אויטאָ איז אָנגעפאָרן דער אָבערשטורמפירער פייוויש און געמאָלדן דער וואַך, אַז היינט איז נישטאָ קיין טראַנספּאָרט און מען זאָל אונדז צוריק אַריינלאָזן אין די בלאָקן. מען האָט אונדז ווידער אַלעמען שטאַרק געשלאָגן און דאַן אַלע מענטשן אַריינגעלאָזט נאָר אין איין בלאָק. ווער עס האָט געוואָלט אויפזוכן אָדער זיך טרעפן מיט זיינע פאַמיליע־אָנגעהעריקע, האָט געמוזט בויערן לעכער אין די ווענט, ווייל די קאָרידאָרן זיינען געווען אַזוי איבערפולט, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו עפענען די טירן. די מענטשן האָבן שוין 2־3 טעג נישט געהאַט באַקומען קיין עסן. מען איז אָפּגעקומען דעם טאָג מיט אַ שאָלעכץ פון אַ קאַרטאָפל אָדער אַ לעפל רויע הירזש, אָבער אויך דאָס זיינען נישט אַלע געווען פעיק זיך צו שאַפן.

צוליב דעם הונגער און לעצטן לעבנס־קאַמף האָבן אַנדערע, נישט געקוקט אויף דער שטרענגער באַוואַכונג, זיך געוואָרפן אויף די דראָטן און פּרובירט זיך אַדורכרייסן און אַנטלויפן. אַ סך זיינען דאַן טאַקע אַנטלאָפן. אָבער עס זיינען אויך געווען דערביי ביי 200 קרבנות. די דערשאָסענע זיינען

געלעגן אויפן הויף לעבן די בלאָק. מיטאָגצייט האָט מען גענומען 20 מענער אויסצוגראָבן אַ גרוב פאַר די דערשאָסענע און זיי באַגראָבן. נאָך דעם האָבן די זעלבע געמוזט אויסגראָבן אַ צווייטע גרוב – שוין פאַר זיך. מ׳האָט זיי אויסגעשטעלט אַרום גרוב, דערשאָסן און אַהין אַריינגעוואָרפן. די וואַך האָט גענומען נאָך 2 יידן אויף צו פאַרשיטן די 20. די צוויי האָט מען אָבער צוריק אַריינגעלאָזט אין בלאָק, נאָך דעם ווי זיי האָבן באַקומען גוט אָנגעשלאָגן. מיט דעם אַלץ האָבן זיי געוואָלט אָנוואַרפן אַ פחד אויף דעם רעשט יידן, זיי זאָלן ניט וואַגן מער צו לויפן.

אַזוי זיינען מיר געזעסן ענג צונויפגעשפּאַרט און געוואַרט אויפן טויט. צו מאָרגנס האָט מען אונדז ווידער באַפוילן צו אויסשטעלן זיך אויפן זעלבן אָרט ווי נעכטן. לויפנדיק צום פּלאַץ האָט מען אונדז באַשאָטן מיט קלעפּ. ווער עס האָט געהאַט דאָס גליק אויסצומיידן אַ קלאַפּ, האָט מען אים באַ־פוילן זיך צוריקקערן, כדי זיינס צו באַקומען.

מ׳האָט אונדז אַוועקגעפירט צו דער באַן. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט אַ גרופּע יידן, געפירט פון ס׳ס־לייט. די האָט מען אויך אָנגעשלאָסן צו אונדזער קאָלאָנע. ביי דער סטאַנציע האָבן מיר אַלע זיך געמוזט אויסזעצן אויפן שניי. ווער ס׳האָט זיך ניט געזעצט, האָט באַקומען אומברחמנותדיק געשלאָגן. די אוקראַינער און ס׳ס־לייט זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז און צוגערויבט דאָס געלט, זייגערס, פינגערלעך און אַנדערע ווערטזאַכן. די יידישע פּאָליציי־לייט האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע היטלען, זיך וועלנדיק צוזאַמענמישן מיטן עולם. די ס׳ס־לייט האָבן אָבער דאָס ניט דערלויבט און געהייסן זיי זיך שטעלן באַזונדער. פאַר זיי איז אויך אויסגעטיילט געוואָרן אַ באַזונדער וואַגאָן. אונדז האָט מען פאַרלאָדן צו 120 מאַן אין אַ וואַגאָן. איך האָב געהערט אַ יידן זאָגנדיק, אַז ער האָט אַ קליין העקל, זעגל און עקבער. איך האָב זיך שוין געהאַלטן ניט ווייט פון אים. ווען מען האָט אַרויפגעפירט דעם טראַנספּאָרט אויף דער זייטיקער ליניע, האָבן מיר געמיינט, אַז מען פירט אונדז שוין קיין טרעבלינקע. דער ייד האָט גענומען גלייך בויערן אַ לאָך. גייענדיק צווישן די וואַגאָנעס האָט אַ ס׳ס־מאַן דערזען שוין איין לאָך פאַרטיק און אַ צווייטע אין מיטן דער אַרבעט, ער האָט צוגערופן די חברים און זיי האָבן גענומען אַריינשיסן אין וואַגאָן. דערביי זיינען אַ פּאָר מאַן געפאַלן און עטלעכע פאַרוווּנדעט געוואָרן. די ס׳ס־לייט האָבן זיך אָבער מיט דעם נישט באַגנוגנט. זיי האָבן אויפגעריסן די טיר פון וואַגאָן און אָנגעהויבן האַקן מיט די קאָלבעס איבער די קעפּ, כדי צו מאַכן אָרט פאַר נאָך 20 מאַן, וועלכע זיינען ביז דאַן נאָך געשטאַנען אין דרויסן. דאָס אַריינשטופּן די מענטשן דווקא צו אונדז איז געווען מיט דער כוונה אַז מיר זאָלן אין וואַגאָן זיך שוין אין גאַנצן נישט קענען באַוועגן און בויערן לעכער. דעם וואַגאָן האָבן זיי שטרענג באַוואַכט. גלייך אָבער ווי

דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט, האָבן די יידן דאָך גענומען שפּרינגען דורך די פענצטער־עך. אין וואַגאָן איז געוואָרן אַ שטופּעריי, אַ פּאַניק און גערויש. יע־ער האָט געוואָלט פריער זיך דורכרייסן צום פענצטער. אין שנע־כטן לויף פון צוג זיי־נען די מענטשן געשפּרינגען פון די וואַגאָנעס. אויך אי־ך בין געווען צווי־שן די.

אויפן וועג צווישן די שינעס אויף די פּלאַנטן זיינען געלעגן מענטשן מיט אָפּגעשני־טענע הענט און פי־ס, אַנדערע שוין טויט. פיל האָבן געשריען: „ראַטעוועט מיך!" אי־ך האָב זיי ניט געהאַט מי־ט וואָס צו ראַטעווען און זיך ווייטער געלאָזט אי־ן וועג. גייענדיק האָב איך געטראָפן מיינעם אַ קוזין, נתן נאָלדבערג פון סאַרנאַק און אַ חבר גדליהו מאַנצאַזש. מי־ר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. שפּעטער אָבער איז מיין קוזין געגאַנגען אין אַ דאָרף לעבן סאַרנאַק זיך ראַזירן און בעטן ביי אַ באַקאַנטן פּויער אַ שטיקל ברויט. פּויערים האָבן אים באַמערקט און געמעלדן וועגן אים דער פּוילישער פּאָליציי. ווען די האָבן אים אויסגעפונען, האָט ער אָנגעהויבן לויפן. זיי האָבן אים נאָכגעשאָסן, און פון דער 7טער קויל איז ער געפאַלן.

מיין חבר האָט זיך מיט מיר צעשיידט ביים שטעטל סאַרנאַק. אַ פּויער האָט אים געהייסן קומען צו זיך אליין, אָן אַנדערע יידן, וועט ער אים געפינען אַ באַהעלטעניש. נאָך מיין באַפרייאונג האָב איך זיך נאָכגעפרעגט ביי די פּויערים אויף אים. די האָבן מיר דערציילט, אַז ער איז געלעגן אין אַ קאַרטאָפל־גרוב אַן ערך 2 מאָנאַטן. מען האָט אים אָבער באַמערקט און איבערגעגעבן וועגן דעם דער פּוילישער פּאָליציי. די פּאָליציי האָט אים געפונען אַ האַלב טויטן, מיט אָפּגעפראָרענע הענט און פיס, און זיי האָבן אים דערשאָסן.

נאָכן אוועקגיין פון מיין חבר האָב איך זיך עלנט און אומעטיק גע־לאָזט איינער אליין אין וועג אַריין. איך האָב ויך געלאָזט צו אַ באַקאַנטן פּויער בעטן אַ שטיקל ברויט און אַ באַהעלטעניש אויף אַ 2 טעג. ווי איך האָב נאָר געעפנט די טיר, האָט ער אויסגעשריגן צו מיר: „אַנטלויף פון דאַנען, איך האָב אַ פרוי מיט קינדער, איך וויל לעבן!" „פּאַוועל", האָב איך אים אָנגערופן ביים נאָמען, „גיב מיר אַ שטיקל ברויט!.." „איך הייס שוין ניט אַזוי, איך קען דיר גאָר ניט, וואָס ווילסטו?.." איך האָב אים נאָך אַ מאָל געבעטן ברויט. ער האָט מיר, ווי פאַר אַ הונט, צוגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט, און איך בין שנעל אַוועק פון אים. דעם זעלבן טאָג האָבן ס'ס 2 יידישע פרויען מיט קינ־ער דערשאָסן און די פּויערטע, וואָס האָט זיי דערלאַנגט ברויט, אַרעסטירט. צווישן די פּויערים איז געוואָרן אַ גרויסע פּאַניק און זיי האָבן זיך געהיט פאַר אַ ייד ווי פאַר אַ מייזל.

כ'בין אַוועק פון פּויער אין פעלד אַריין. כ'בין צוגעגאַנגען צו אַ שייער

אוּן געהערט אַ שטילן געשפּרעך. כ'האָב זיך גלייך פאַרשטעקט אוּן אַ צעשראָקענער זיך צוגעהערט. ס'איז געווען יידיש! כ'האָב אָנגעקלאַפּט אוּן געבעטן אַריינלאָזן. זיי האָבן מיר געעפנט, אוּן איך בין מיט זיי געבליבן צוזאַמען 4–5 טעג. די פּויערים האָבן זיך אָבער דערוואוּסט וועגן אוּנז אוּן געמאָלדן דער געשטאַפּאָ. 12 אַ זייגער בייטאָג האָט פּאָליציי געמאַכט אויף אוּנדז אַן איבערפאַל. זיי האָבן אוּנז באַפוילן אַרויס פוּן שייער. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין שטרוי. זיי האָבן אָנגעהויבן רייסן די טירן פוּן שייער אוּן אריינשיסן צוּ אוּנדז. איך האָב אין גרויס פאַרצווייפלוּנג אַן עפן געמאָן די טיר אוּן אָנגעהויבן לויפן. מען האָט מיר נאָכגעשאָסן מיט געווער פוּן פאַרשידענע קאַליבערס – אָבער ניט געטראָפן. ווען די איבעריקע 6 מאַן האָבן געזען, אַז איך בין אַנטלאָפן, זיינען זיי אויך אַרויס פוּן שייער. לויפנדיק דורכן פעלד האָט מען 3 מאַן אויף טויט דערשאָסן. איינער איז געפאַלן פאַרוואוּנדעט, האָט אים אַ פּוילישער פּאָליציסט דערשלאָגן מיט דער קאָלבע. צוויי פוּן די זעקס איז דאָך געלוּנגען צוּ אַנטלויפן. אין 2 טעג אַרוּם האָט מען איינעם פוּן די געראַטעוועטע דערשאָסן. דער צווייטער איז געווען מיט מיר אין וואַלד. דעם 15. 11. 42 האָט מען אים אויך בעת אַן איבערפאַל דערשאָסן.

ביינאַכט בין איך אַריין צוּ אַ פּויער אין אַ שטאַל. דאָרט האָב איך אויסגעגראָבן אַ גרוּב פוּן 2 מ לענג, 1,5 מ ברייט אוּן 90 צמ טיף. כ'האָב מיין בוּנקער פאַרמאַסקירט, מען זאָל אים ניט באַמערקן. דאָרט בין איך געלעגן ביי 4 חדשים ביז דעם 21.3.43 דאַן בין איך אַוועק אין וואַלד. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ 25 יידן, זיינען מיר געווען צוזאַמען. דעם 25. 5. 43 האָט פּוילישע פּאָליציי געמאַכט אַן איבערפאַל אין אוּנדזער וואַלד. דערביי זיינען דערשאָסן געוואָרן 6 סאַרנאַקער יידן: גבריאל צוּקער, 33 יאָר אַלט; שמוּאל ריבאָווסקי, 27 י.; מאַרטעל ראָזנבערג, 18 י.; משה רוּדזקי, 35 י.; יצחק וולאָדאַווער, 18 י. אוּן וועלוול וולאָדאַווער, 22 י. אַלט. בעת אַן איבערפאַל פוּן דער געשטאַפּאָ מיט דער פּוילישער פּאָליציי דעם 15. 11. 43 זיינען ווידער דערהרגעט געוואָרן 3 מאַן: יידל ריבאָווסקי, 29 יאָר אַלט; הערשל ריבאָווסקי, 20 י. אוּן עזריאל מאָנצאַזש, 22 יאָר אַלט.

אזוי איז געוואָרן פוּן טאָג צוּ טאָג ווייניקער אוּן קלענער אוּנדזער גרוּפּע. אזוי האָבן מיר דערצויגן ביז דעם 30טן יולי 1944, ווען אַ קליינע צאָל יידן פוּן סאַרנאַק זיינען באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

געצל ווייסבערג.

אויפגעשריבן אין דער היסט. קאָמיסיע אין ניי־פרייטמאַן

(צ. ה. ק. 258/111)



שעדלעץ. פוילן. די ערשטע „אויסזידלונגס־אַקציע“ אין אויגוסט 1942

Siedlce, Poland. The first deportation, August, 1942.



שעדלעץ. פּוילן די ערשטע „אויסזידלונגס־אַקציע" אין אויגוסט 1942.
Siedlce, Poland. The first deportation, August, 1942.



שעדלעץ, פוילן. די ערשטע אויסזידלונגס־אַקציע אין אויגוסט 1942.

Siedlce, Poland. The first deportation, August, 1942.



שעדלעץ, פוילן. אַ יידישע פרוי דערשאָסן בעת דער "אויסזידלונגס אַקציע"

Siedlce, Poland. Jewish woman shot during the deportation.



שעדלדץ, פוילן. די ערשטע אויסיידלונגס־אַקציע די יידן מאַרשירן צו דער באַן
Siedlce, Poland. The first deportation. Jews marching to train.

# צו די בילדער פֿון שעדלעץ

(אויפֿקלערונג צו די בילדער, וועלכע איך גיב איבער פֿאַר דער היסטאָרישער קאָמיסיע)

בעת מײַן טעטיקײַט אַלס אָבערטרופּפֿירער בײַ דער אָרגאַניזאַציע „טאָ־ט", אין קראַפֿט־שטאָף־אײַנזאַץ צענטראַלע בערלין, האָב איך אין אויגוסט 1942 געמאַכט אַן אינספּעקציע־רײַזע איבער די טאַנקשטעלן פֿון גענעראַל־גוווערנאַמענט.

דורכפֿאָרנדיק שעדלעץ (150 ק"מ מזרחדיק פֿון וואַרשע) האָב איך דאָרט גענעכטיקט אויפֿן וואָקזאַל, אין באַיאַק פֿון רויטן קרייץ. כמעט אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהערט אײַנצלנע שאָסן, פֿון וואָס איך בין שוין 5 אַ זייגער פֿאַרטאָג אויפֿגעשטאַנען. איך האָב דאַן געמאַכט אַ שפּאַציר דורך דער שטאָט. אויפֿן וועג צום מאַרקפּלאַץ האָב איך כמעט אויף יעדע הונדערט מעטער אָנגעטראָפֿן ליגנדיק טויטע ייִדן, צום גרעסטן טייל עלטערע פֿרויען און מענער. מורא האָבנדיק פֿאַר נאָכשפּירנדיקע בליקן האָב איך ליידער געקענט פֿאָטאָגראַפֿירן נאָר איין דערשאָסענע עלטערע פֿרוי. גייענדיק נענטער צו דער שטאָט האָב איך אָנגעטראָפֿן אויף אַ קאָרדאָן פּוילישער פּאָליציי. אַ דאַנק מײַן אָ"ט (O. T.) אוניפֿאָרם האָבן זיי מיך לײַכט דורכגעלאָזט. אויף אַ פּלאַץ אין מיטן שטאָט, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פֿון ס"ס, האָב איך געזען בײַ 12 000 ייִדן, וועלכע זײַנען מיט זייערע פּעקלעך געלעגן אויף דער ערד. זיי האָבן געהאַט געקראָגן אַ באַפֿעל ניט אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ, און שפּעטער בײַ דער ברענענדיקער היץ האָבן זיי אַלץ געמוזט זיצן צוזאַמענגעקאָרטשעט אויף דער ערד. 20 מעטער פֿון דער מאַסע ייִדן זײַנען געזעסן אויף שטולן 3 ס"ס־מענער, 2 פֿון זיי מיט אינפֿאַנטעריע־געווער און איינער מיט אַן אויטאָמאַטישן רעוואָלווער. ווען עמעצער פֿון די ייִדן - אַ קינד אָדער דערוואַקסענער — האָט אויפֿגעהייבן דעם קאָפּ, האָט אים איינער פֿון די 3 ס"ס־מענער גלײַך אַרונטערגעשאָסן. זעענדיק מיך מיט דעם אָנגעהאָנגענעם לייקאַ־אַפּאַראַט, האָט איינער פֿון די ס"ס־מענער, אַן אונטערשאַרפֿירער, מיר דערלויבט צו מאַכן אויפֿנאַמעס. ער האָט אָבער דערבײַ צוגעגעבן, אַז עס איז ניט געווונטשן די אויפֿנאַמעס זאָלן דערשײַנען אין דער פּרעסע. איך האָב געמאַכט בײַ 10 אויפֿנאַמעס, וועלכע איך גיב איבער דער ייִדישער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע.

פֿאַרבײַגייענדיק אין אַ פּאָר שעה אַרום די פֿראַכט־סטאַנציע האָב איך אויף אַ דערבײַיִקער גאַס געזען די אַלע ייִדן וואַרטנדיק צום אָפּטראַנספּאָרטירן. ס"ס־מענער, באַוואָפֿנטע מיט הינט־בײַטשן, זײַנען אַרומגעלאָפֿן צווישן די רייען ייִדן, וועלכע האָבן זיך געבראָטן אין היץ, און זיי געקאַטעוועט אויף רעכטס און לינקס.

פֿריץ העפּט נוסדאָרף־איון בײַ ראָזענהיים

[צ.ה.ק. 396/361] 24 אויגוסט, 1946

# די לעצטע 45 קינדערלעך אין קעלץ

דעם 29.V.43 נאָך אין טונקעלן פאַרטאָג האָבן יידישע מיליציאָנערן אין קעלץ אָנגעקלאַפּט אין מיין פענצטער מיט אַ געשריי: „אויפן זאַמל־פּלאַץ צום אַפּעל!" מיר האָבן שוין געוווּסט וואָס דאָס הייסט. יעדערער פון אונדז האָט געשפּירט, אַז אַזאַ שרעקלעכער טאָג וועט קומען. און איז געקומען.

עס איז געווען אַ טאָג אַ שיינער, אַ קלאָרער; אַ טאָג פון צער און ווייטיק. מיר האָבן שוין גענוג שרעקלעכע טעג געהאַט, אָבער דאָס וואָס עס האָט אונדז געטראָפן אין דעם טאָג האָט איבערפולט אונדזערע אַלעמענס הערצער.

אין אונדזער שטאָט קעלץ זיינען איבערגעבליבן נאָך טויזנט מענטשן אין דעם אַרבעטס־לאַגער. צווישן זיי 45 קינדער. די אַלע קליינע זיינען געווען שיין, גוט און קלוג. צווישן זיי איז אויך געווען מיין 15 מאָנאַטיקע טעכטערל גיזיאַ אַ זיס קינד מיט המלאכישע אייגעלעך און גאָלדענע הערעלעך. די מוטערס, וועלכע האָבן געאַרבעט אויסערן לאַגער, פלעגן איבערלאָזן זייערע קינדער ביי מיר. איך האָב זיי געקאַרמעט, געלערנט, אָבער אָפט זיך אויך געטראַכט: ביז וואַנען?.. אַ שרעקלעכער געדאַנק פלעגט אַלץ אויפשוידערן: ביז וואַנען וועלן מיר זיך דאָך קענען פרייען מיט אונדזערע קינדערלעך?.. די רוצחים, די וועלט־רשעים. די פאַרשאָלטענע דייטשן האָבן דאָך אַ גוטן זכרון. מיין האַרץ איז תמיד געווען איבערפולט מיט שרעק און יעלטן איז מיר איינגעגאַנגען דאָס שפּילן זיך מיט די קליינוואַרג.

אָט דער פרימאָרגן איז געקומען! איך בין שנעל ארויס פון צימער, אונטערן מאַנטל האָב איך געהאַלטן מיין גיזיאַ. איך האָב זי ארויסגעכאַפּט אַ שלאָפנדיקע און איך האָב אַלץ געציטערט זי זאָל זיך ניט אויפכאַפּן מיט אַ געוויין. נאָך מיר זיינען געגאַנגען מיין מאַן ערווין און מיין איינציקער ברודער מרדכי. אין איילעניש האָב איך מיטגענומען עטלעכע קליידער־לעך פאַר מיין טעכטערל. איך האָב אָבער פאַרגעסן צו מיטנעמען אַ שטיקל ברויט אָדער וואָס צוקער. ביי אונדזער קומען איז שוין דער פּלאַץ געווען

פול. אַלע יידן שטייען אין די רייען. מיר האָבן זיך געשטעלט ניט ווייט פון אונדזערע שכנים. אַלע פֿנימער זיינען בלאַס, די הענט ציטערן. קענען אונדז זיינען אויסגעשטעלט זשאַנדאַרמען, ס"ס, געשטאַפּאָ. דער פּלאַץ איז איינגעהילט אין שטילשווייגן.

די זון האָט אויפגעשיינט, עס איז געוואָרן זייער היס. עס פאַלן די ערשטע ווערטער פון אַ באַפעל: „אָפּגעבן די קינדער!" פייערן האָבן מיר אָנגעהויבן שפרינגען פאַר די אויגן, אַלצדינג האָט זיך געדרייט, איך האָב גאָרניט געזען, גאָרניט געהערט. דאָך האָבן מיינע פיבערדיקע בליקן אויפגעכאַפּט, ווי די ס"ס־מענער כאַפּן צוזאַמען די קינדער און שלעפּן זיי אין אַ קליין, אָפּגעלאָזן הייזל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט פּלאַץ.

איך האָב זיך געטראַכט: מיין טעכטערל באַהאַלט איך; אפשר וועל איך זי דאָך ראַטעווען!.. איך האָב שוין ניט געהאַט קיין כוח. 6 שעה זיינען מיר שוין אַזוי געשטאַנען איך האָב אויך געטראַכט וועגן די טויזנטער אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען אַזוי געשטאַנען דאָ מיט אַ יאָר צוריק, איידער מען האָט זיי געשיקט קיין טרעבלינקע...

אַלע קינדער זיינען שוין אין קליינעם הייזל, זיי שרייען און וויינען. די עלטערע קינדער בעטן זיך ביי די דייטשישע זשאַנדאַרמען: „לאָזט אונדז אַרויס!.." די פאַרמאַכן אָבער די פענצטער און לאָדנס, כדי מיר זאָלן גאָרניט הערן. אָבער מיר הערן. און ווען ניט דורך די אויערן, איז דורכן האַרץ, נערוון... מיין טעכטערל איז נאָך ביי מיר. איך דריי זיך אויף אַהינטער, שפּרינג אַרום פון איין אָרט צום צווייטן, איך וויל אַלץ אויסמיידן די הינטישע בליקן, אפשר וועט מיר דאָך געלינגען, – רבונו של עולם!..

און אָט לאָזט זיך אויף מיר אַרונטער דער פינצטערסטער מאָמענט אין מיין לעבן – אַן אוקראַינישער פּאָליציסט האָט מיך באַמערקט!.. ער איז שוין לעבן מיר, טוט אַ ריס אַרויס דאָס קינד און טראָגט עס ביים קאָלנער פון גרינעם מאַנטעלע דורך דעם גאַנצן פּלאַץ. אַלע מורמלען: „גיזיאַ, גיזיאַ!.." עס איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל ניט קענען דאָס שענסטע קינד אין גאַנצן לאַגער. כ'בין געבליבן אַליין. כ'האָב שוין ניט געזען מיין מאַן, מיין ברודער. כ'האָב נאָר געזען די גאָלדענע האָר פון אַ קליין מיידעלע און זיסע הענטעלעך, וואָס שפּילן זיך מיט די גלאַנציקע קנעפּ פון פּאָליציסט. זי איז פאַרשוואונדן פון מיר אין דעם קליינעם הייזעלע צווישן אַלע אירע חברים און חברטעס.

די אַלע דערוואַקסענע מענטשן אויפן פּלאַץ האָט מען צעטיילט אין 4 גרופּעס און אַוועקגעשיקט אין די לאַגערן בליזשין, סקאַרזשיסק, פּיאָנקי און סטאַראַכאָוויצע. אונדזער גרופּע פון עטלעכע הונדערט זיינען צוגעטיילט געוואָרן צו דער אייזן־פאַבריק פון לודוויגסהוטע ביי קעלץ.

נאָך 8 שעה אָפּשטיין אויפן פּלאַץ, אָן עסן, האָט מען אונדז אָפּגעפירט אין אַ באַראַק פון דער פאַבריק, 3 ק"מ פון אַלטן לאַגער אין רייען זיינען מיר געגאַנגען דורך די גאַסן, וואָס האָבן נאָך ניט לאַנג צוריק צוגעזען אונדזער פרייד. אונדזער שטאָלץ. דאַן ווען מיר האָבן נאָך געלעבט צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער, עלטערן, ברידער און שוועסטער. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַזוי פיל חדשים זיינען מיינע הענט געווען ליידיק, אָן מיין טעכטערל. כ'האָב געפילט אַז אין דעם טאָג איז מיר אויף אייביק אונטערגעגאַנגען די פרייד, מיין לעבנס־פולס, יעדער שטראַל פון האָפענונג... אין דעם זעלבן טאָג, 9 אַ זייגער אינאָוונט זיינען אויפן יידישן בית־עלמין אין קעלץ אויסגעמאָרדעט געוואָרן די טייערע קינדערלעך. ווי די בלומען זיינען זיי פון לעבן אָפּגעריסן געוואָרן, ווי רויזן וואָס באַשיינען דעם גאָרטן. אין דער לעצטער מינוט ניט געווען מיט זיי קיין נאָענטער, וואָס האָט זיי געליבט בלויז האַס און אכזריות־קן מערדערישן שפּאָט פון פאַרווילדעטע מענטשן האָבן זיי ביים לעצטן אָטעם־צוג צוגעזען. אפשר נאָר די לבנה מיט די שטערן האָבן מיט רחמנות זיך צוגעקוקט צו דער קינדער־שחיטה און צוגעוואָרפן זייערע פריינדלעכע שטראַלן צום הימלשרייענדיקן בערגל פון 45 קליינע הייליקע קרבנות. קיין איין נאָענטע און וואַרעמע טרער האָט ניט פייכט געמאַכט דעם פרישן קינדער־קבר!

דאָס זיינען געווען די קינדערלעך: 1. פראָשאָווסקא אירענקא (7 יאָר) 2. מינץ ליליושא (7) 3. זילבערשטיין דאָרטשאַ (12) 4. בערקאָוויטש מאַנוס (7) 5. רייטער זאָשיאַ (7) 6. לאקס סארענקא (6) 7. פרידמאַן אוצעק (5) 8. כמיעלניצקא רוזשא (4) 9. כמיעלניצקי איזראעל (3) 10. ראָזענצווייג גיזיא (5) 11. קערבעל גיזעלא ($1\frac{1}{4}$) 12. גראָסבערג פּאָלוניא (10) 13. זילבערשטיין מילושיא (5) 14. עקעס ליושיא ($11\frac{1}{2}$) 15. לאַנדער מינקא (9) 16. אייזענבערג ליאָלעק (5) 17. ראָזענצווייג יאנושעק (6) 18. האָפמאַן אניא (8) 19. וואַלד־ליפּעראַנט קאראָלעק ($1\frac{1}{2}$) 20. פיינמעסער צעשיאַ (5) 21. גורעוויטש זיגמיש (3) 22. מאַן־עלבוים חוה (5) 23. גרינבערג יוזשאָ (7) 24. גרינבערג זעוויש (4) 25. ציפּרים בראָניש (7) 26. קאסרילעוויטש רישיא (8) 27. ווייסבערג פעליוש (2) 28. סאַפיר מארצעל (3) 29 גרויבאַרד סארענקא (5) 30. באָרענשטיין מענדעל (12) 31. באָרענשטיין חנה (10) 32. קליינבערג רעניושיא (11)

33. קליינבערג דודזשיאָ (5) 34. בוגאיער פרעדשזיאָ (5) 35. בערסאָן מיעטעק (2) 36. גאָלדבערג זוליא (2) 37. זאָבערמאַן פימוש ($1\frac{1}{2}$) 38. גאָלדבלום יאָשיאָ (7) 39. גאָלדבלום אראָנעק ($1\frac{1}{2}$) 40. לעדערמאַן סארענקא (4) 41. יאזוויצקא עסטושיא (13) 42. יאזוויצקא באנושיא (9) 43. יאזוויצקי שמולעק (10) 44. פראָנצעק (צונאָמען 14) 45. רעכט מעניוש (5).

דעם 25טן נאָוועמבער 1945 האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ קליינע גרופּע עלטערן פון די הייליקע קליינע קדושים. נאָר 7 מוטערס און 3 פאָטערס זיינען מיר געווען אויפן בית־עלמין אין קעלץ. דאָס מאָל שוין פרייע מענטשן — אַ מצבה האָבן מיר געשטעלט פאַר די קליינע. פון גרויען שטיין איז די מצבה, אָבער ביי יעדן פון אונדז אין האַרץ איז איינגעקריצט אַ בלוטיקע מצבה, אַ מאָנומענט פון אייביקן ווייטיק און טרויער. —

מיר וועלן אייך ניט פאַרגעסן, בלומען אונדזערע, טייערע עופלעך! דער טאָג פון אייער אומקום בלייבט פאַר אונדז גרויס און הייליק מיט זיין אָנדענק. אמן סלה!

שׂרה קערבעל

(צ.ה.ק. 97/36)



קעלץ פוילן. נאָך דער באַפרייאונג, אויפן קבר פון די קינדער.

איבערגעגעבן דורך ש. קערבעל

Kielce, Poland. At the children's grave after the liberation.

# די „יידישע באַנדע"
## (גבית עדות)

אין דעם געטאָ פון באָרשטשאָוו (קרייז טשאָרטקאָוו, מורח־גאַליציע)
יינען נאָך דער ערשטער אַקציע (26/9. 1942) צונויפגעטריבן געוואָרן די נע־
בליבענע יידן פון מיעלניצא ביים דניעסטער, סקאלא פּאָדאָלסק, יעזערזשאַנע־
פילאָטקאָווצע און קאָראַלוווקאַ. דאָ האָבן די יידן אַשענדאָרף, שוואַרץ און
אַנדערע באַשלאָסן צו שאַפן אַ פּאַרטיזאַנקע. ניט אַזוי לייכט איז עס אָנגע־
קומען. מען האָט פאַר קיין פרייז ניט געקענט שאַפן קיין געווער. די אוקראַי־
נישע באַפעלקערונג פון פּאָדאָליע, וועלכע האָט קענן די יידן געפירט אַ
גרויסע אויסראָטונגס־פּאָליטיק, ניט ווייניקער ווי די דייטשן, האָט זיך ניט
געטאָרט דערוויסן פון דעם. מיט מי און פאַר אַ סך געלט זיינען געשאַפן
געוואָרן די ערשטע 3 ביקסן. ביי די שווערסטע באַדינגונגען זיינען פון די 40
מאַן אין דער קאַמפּס־גרופּע נאָר ביי 20 באַוואָפנט געוואָרן. דער פרווו זיי
צו פאַראייניקן מיט דער גרופּע פון די רוסישע פּאַרטיזאַנער אונטער דעם
אָנפיר פון קאָווּפּאַק איז ניט געלונגען. נאָר 4 חברים האָבן זיך געקענט אָנ־
שליסן. פון די איבעריקע, ביי 36 פערזאָן, צווישן זיי אויך פרויען, זיינען
געווען 16 מאַן באַוואָפנט.

ענדע יולי 1943 פירט די פרישע אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנקע דורך אַ
געוואַגטן איבערפאַל אויף דער וואַך פון דער באָרשטשאָווער קאַזאַרמע. די
וואַך־האַלטנדיקע 3 פּאָליאַקן אין דייטשישע מונדירן ווערן דאָרט אין אַן אויפ־
דערנאַכט פלוצלונג איבערפאַלן פון די חברים ליאָווע, סאָפּער און אַנדערע.
מען האָט די זעלנער אַנטוואָפנט, צוגענומען די מונדירן, געבונדן און אַריינ־
געוואָרפן אין קעלער. ביי דער אָפיציעלער אונטערזוכונג איז פון די דייטשן
געוואָרן פעסטגעשטעלט, אַז דעם איבערפאַל האָט געמאַכט אַ שטאַרקע רו־
סישע פּאַרטיזאַנקע... דאָס איז געווען דער ערשטער פרווו, דער ערשטער
איבערפאַל פון דער באַנדע זיך צו פאַרשאַפן געווער.

סעפּטעמבער 1943. די מישקיטאָוויצער קאָלאָניע צווישן באָרשטשאָוו און
סקאלא (אויפן טייך זברוטש) ווערט אין אַ רעגנדיקן טאָג גאָר פלוצלונג באַ־
שאָסן. אַ פּאַניק. אַ געיעג, אַ גערודער. די פּאַרטיזאַנער זיינען דאָ! אין דער
קאָלאָניע איז דעמאָלט געקומען מיט אַן אינספּעקציע דער דירעקטאָר פון דער
באָרשטשאָווער לאַנדווירטשאַפט. דער פּאַרטיזאַנער ליאָווע, אַן אַנטלאָפענער
פון דייטשישן געפאַנגען־לאַגער און פון אַ קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער, האָט אין
אַן עכטן רוסיש פאַראָרדנט דעם דירעקטאָר צו איינשפּאַנען די פערד און זיך

רכפאָרן מיט אים איבער די פעלדער, צו די אַרבעטער. אַ טויט־בלאַסער
אָט דער דירעקטאָר דעם באַפעל אויסגעפירט. ליאָיוע האָט די גרופּעס
נלד־אַרבעטער אויפגעקלערט דעם ציל פון דער פּאַרטיזאַנקע. ביים צוריק־
פאָרן האָט ער אָנגעזאָגט דעם דירעקטאָר פאָלגנדיקס: „די רויטע אַרמיי וועט
ן 4—5 וואָכן דאָ זיין, ניב אַכט, זאָלסט ניט אָפּליפערן די תבואה, זאָלסט
ט באַצאָלן די אַרבעטער". צו די פאַרזאַמלטע פויערים האָט ער געזאָגט:
זאָמער זיינען פאַראַן ביי איך אָדער אין די וועלדער יידן, זאָלט איר נישט
אָגן זיי אַרויסגעבן, ווייל ווי וועט זיין איך אַלעמען". די פויערים האָבן
אַלר אויפן אָרט צונויפגעטראָגן פלייש, הינער, אייער, ברויט. די פּאַרטיזאַ־
ר האָבן געוואָלט דערפאַר באַצאָלן, אָבער די פויערים האָבן ניט גענומען.
נרזערע 3 פּאַרטיזאַנער האָבן אָפּגעגעבן עטלעכע סאָלוועס אין דער לופט
ן זינען אַיועקגעיאַנגען אין זייער לאַגער. אַלע האָבן אָנגענומען, אַז דאָס
נען געווען מיטגלידער פון דער רוסישער פּאַרטיזאַנקע קאָוופּאַק.

די נאַכט אויף דעם 5־טן דעצעמבער 1943 ליגט אין אַ שטאַרקן נעפּל
נגעהילט. אַ פּאַרטיזאַן שטייט אויף דער וואַך צוגעדריקט צו אַ סאָסנע־
ים און ביי אַן אָנטאַפּנדיקער פינצטערניש מוז ער אַלע זיינע חושים אָנ־
טרענגען אויף אויפכאַפּן יעדן נאָר שאָרך, וועלכער קומט אָבער ניט. אין
ערטיזאַנער־לאַגער איז עפּעס ניט רויק. דורך דעם אוקראַינישן פאַרבינדונגס־
אָן זיינען די פּאַרטיזאַנער געוואויר געוואָרן, אַז מאָרגן וועט דער וואַלד
ורכגעקעמט" ווערן פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע. די פּאַרטיזאַנער־
מאַנדע (אונטער דעם אָנפיר פון יונג) לייגט אויף דעם ניט קיין אַכט. שוין
ט אין מאָל איז אַזאַ מעלדונג געקומען, און קיינער איז ניט באַפאַלן.

היינטיקס מאָל שטייט אָבער די לאַגע פיל אַנדערש. ווען די יידישע
אַרטיזאַנער האָבן מיט אַ צוגעטראַכטן שפּיצל געעפנט די באָרשטשאָווער
פיסה, האָט דער וועכטער דערקענט דעם קאָמענדאַנט. דאָס עפענען פון
ר תפיסה איז פאָרגעקומען אויף פאָלגנדיקן אופן: דער צופאַל האָט גע־
אָלט, אַז ענדע נאָיועמבער זאָל דער איינציקער אוקראַינישער חבר צווישן
בשעת אַן אָבלאַווע אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט. די פּאַרטיזאַ־
ר האָבן באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז צו ראַטעווען זייער חבר. אין אַ פינצ־
ערער נאַכט האָבן דייטשישע זשאַנ־אַרמען געבראַכט צו דער תפיסה אַ צע־
לאָגענעם, אָפּגעריסענעם פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן אויפגעפאָדערט דעם וועכ־
ער צו עפענען. דער וועכטער, ניט אָריענטירנדיק זיך וואָס אַזוינס דאָ קומט
אַר, האָט געעפנט די תפיסה. אין דעם מאָמענט איז דער וועכטער אַנט־
אָפנט געוואָרן, מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ צימער, צוגענומען פון
ם די שליסלען און באַפרייט אַלע געפאַנגענע, צווישן זיי אַ שפּאָר ביסל
ן. דאָס גליק האָט אָבער די אָנפאַלער אַ ביסל פאַרראַטן — דער וועכטער

האָט דער־קענט יונגן. עס זײַנען גלײַך אָפּגעגאַנגען אָנװײַזונגען אַז טשאָרט־קאָװער קרײַז, אַז אין די װעלדער עקזיסטירט אַ יידישע באַנדע. דעם 6־טן דעצעמבער 1943, 6 אַזייגער אינדערפרי זײַנען מיר איבערראַשט געװאָרן פון אַ שרעקלעכער שיסערײַ פון אויטאָמאַטן און גראַנאַטן. 1400 דײַטשן מיט 4 טאַנקן האָבן באַלאַגערט דעם זילינ־צער װאַלד (פון באַרשטשאָװ) פון 3 זײַטן דאָרט טאַקע, װוּ עס האָט געלעבט די יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע אונטערן נאָמען „די באַנדע".

קעגן דעם איבערפאַל פון די דײַטשן האָבן מיט געװער אין די הענט זיך געקענט אַקעגנשטעלן נאָר 16 מאַן. 2 שעה האָבן זיי געקעמפט. פון די אויפרײַס־קלאַנגען האָט זיך בולט געשפּירט, אַז אין װאַלד איז אַ גיהנום. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געהאַלטן מיט דער גרעסטער פאַרביסנקייט. ניט געקוקט אָבער אויף די געװאַלטיקע פאַרלוסטן פון די דײַטשן, האָט מען די יידן ־אָך ענג אַרומגערינגלט.

װאָס אין לאַגער איז אין לעצטן מאָמענט פאָרגעקומען, װײס מען ניט גענוי. אין דעם איבערפאַל האָט אויך אָנטיילגענומען אַן עסטרײַכישער רײַטש, טשערמאַק. װעלכער איז געװען זשאַנדאַרמעריע־קאָמענדאַנט אָבער אין דער אמתן גאָר אַ באַהאַלטענער שאַרפער קעגנער פון די נאַצים. װי טשערמאַק שטעלט פעסט האָט „די באַנדע" באַשלאָסן צו באַגײן זעלבסטמאָרד און זיך ניט לאָזן נעמען לעבעדיקערהייט געפאַנגען. דעם באַשלוס האָבן זיי דורכגעפירט.

אויף אַ פלאַץ אין דעם טיפן זילינצער װאַלד װערט נאָך הײַנט אָנגעװיזן דער אָרט, װוּ עס האָבן געלעבט, געקעמפט און װירדיק געשטאָרבן די קינדער פון אַן אומגליקלעך, געפּײַניקט פאָלק, װעלכע האָבן זיך װי פּאַרטיזאַנער גערופן אין דער „יידישער באַנדע".

יצחק פייערשטיין

[צ.ה.ק. 548/489]

אין צ. ה. ק. װערן צוגעגרייט צום דרוקן געטאָ־ און קאַצעט־לידער מיט נאָטן.

נס איז דער חוב פון יעדן לעבנגעבליבענעם ייד צו פאַראייביקן די לידער, װאָס זײַנען געזונגען געװאָרן אין זײַן געטאָ אָדער ק.צ.

שטעלט זיך מיט אונדז אין פאַרבינדונג!

אונדזער אַדרעס:

Central Historical Commission at the Central Committee of Liberated Jews in the American Zone of Occupation in Germany, Munich, Möhlstr. 12a

אינזש. ישעיהו בלומאַן

# פראדוקטיוויזאציע־פראבלעם אין וואַרשעווער געטאָ

(פראַגמענט)

מיטן מאָמענט פֿון צונויפֿטרייבן די וואַרשעווער ייִדן צווישן די מויערן פֿון געטאָ (1940) איז אַרויסגעשווומען די פֿראַגע פֿון אַפּראָוויזאַציע. דאָס פֿאַרזאָרגן אַזאַ גרויסע מאַסע, אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. מען האָט ניט געקענט פֿאָרויסזען, וואָס פֿאַר אַ קוואַנטום שפּייז די דייטשן וועלן צושטעלן, און צי זיי וועלן זיך איבערהויפּט געבן די מי צו דערהאַלטן אונדז בײַם לעבן. דערצו האָבן זיי אויך פֿון זייערע אָגענטן געוווּסט, אַז די ייִדן האָבן אָנגעזאַמלט גרעסערע רעזערוון שפּייז. מען האָט אויך ניט געקענט פֿאָרויסזען, צי ס'וועט זײַן ווערלעכע הילף מצד דער באַפֿעלקערונג פֿון דער אַרישער זײַט אָדער שמוגל דורך די מויערן אָדער קאַנאַלן.

גלײַך מיט צומאַכן די געטאָ־טויערן איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער יקרות, וואָס איז געשטיגן אין אַ ווילדן טעמפּאָ. דער „עלטסטן־ראַט" אונטערן פֿאָרזיץ פֿון אינזש. אַדאַם טשערניאַקאָוו האָט זיך אַנטשלאָסן עפּעס צו טאָן. מיטן אָנטייל פֿון באַקאַנטע אינדוסטריעלער האָט זיך געגרינדעט אַ „פֿאַרוואַלטונג צו פֿאַרזאָרגן דאָס ייִדישע געטאָ", וואָס האָט זיך געפֿונען אויף לעשנאָ 14.

דער פּרעזידיום איז באַשטאַנען פֿון די פֿאָרזיצער אַבֿרהם געפּנער און משה גראָסבער, בײדע גוט באַקאַנטע סוחרים און מיט לאַנגיאָריקער דערפֿאַרונג. זייערע ראַטגעבער זײַנען געווען אינזש. שטאָלצמאַן און האַנדלס־ריכטער קאָברינער. דער אויבן דערמאָנטער ראַט האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויפֿרוף צו אַלע פֿאַכמענער און פּראָדוצירער.

ס'איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון ספּעציאַליסטן פֿון פֿאַרשידענע פּראָדוקציע־געביטן. אויף וויפֿל איך דערמאָן זיך זײַנען בײַגעווען פֿאָרשטייער פֿון פֿאָלגנדיקע פֿאַבריקן: „בּים", גרעסטע פֿאַבריק פֿון מאַרמעלאַדע. „ליליפּוט", גרעסטע פֿאַבריק פֿון פֿאַרשידענע עקסטראַקטן; „פּלוטאָס", איינע פֿון די גרעסטע שאָקאָלאַד־פֿאַבריקן; א"א. איך האָב אויף דער פֿאַרזאַמלונג רעפּרעזענטירט די פֿאַבריק „פּומאָס". שוין אויף דער ערשטער זיצונג האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גרויסער מאַנגל אין רוישטאָפֿן.

די הערן געפנער און גראָסבער האָבן אונדז געשטעלט די פראַגע: אויב ס'וואָלט זיך איינגעגעבן צו קריגן פון די דייטשן אַ קוואַנטום געלן צוקער, צי וואָלטן מיר געקענט פון דעם עפעס פראָדוצירן און וואָס? צוליב דער איבערפראָדוקציע פון ווייסן צוקער אין פוילן איז אונדז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו טראַכטן וועגן געלן, בפרט אַז דאָס האָט ניט קיין אָנגענעמען גערוך, אַ כאַראַקטעריסטישער ריח פון מעלאַסע. מיט כעמישע מיטלען אַפילו איז זייער שווער אַרויסצוטרייבן דעם גערוך. נעמענדיק אָבער אין אַכט די שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן באַקומען אַפילו דעם געלן צוקער, האָבן מיר אונדזער סקעפטיציזם ניט אַרויסגעוויזן. אויסער דעם צוקער־פראָבלעם האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף נאָך וויכטיקע דעפעקטן, ווי לאָקאַלן אין געטאָ, באַהייצונג א. אַ. וו. אַלע יידישע פאַבריקן זיינען פאַרבליבן אויסערן געטאָ און דער צוטריט צו זיי איז געווען פאַרבאָטן. די אַלע זאַכן האָבן מיר אָבער אַ דאַנק אונדזער עקשנות גיך באַזייטיקט. מיר האָבן אָנגעהויבן איינאָרדענען אַ גאַז־אינסטאַלאַציע און פראָוויזאָרישע וואַרשטאַטן. ניט קוקנדיק אויף דעם קליינעם שטח איז געווען פאָרויסגעזען צו פראָדוצירן ביי 500 ק"ג האָניק טעגלעך. נאָך אַ צוויי־וואָכיקער פראָבע מיטן געלן צוקער, וואָס איז ניט ראַפינירט, האָט פיל צומישונגען און צינדט זיך אָן דעריבער ביי אַ נידעריקער טעמפעראַטור — האָבן מיר דאָך פון אָט דעם ביליגן רוישטאָף באַקומען אַ ווערטפולן און נויטיקן שפייז־אַרטיקל. מיר האָבן פראָדוצירט קונסט־האָניק, מאַרמעלאַדע און צוקער־אויסאַרבעטונגען פאַר קינדער. די דייטשע אָנפירער פון „טראַנספערשטעלע" (אויסערן געטאָ), זוכנדיק אַ געלעגנהייט צו מאַכן פאַרמעגן, האָבן פאַרקויפט דעם פאַרזאָרגונסאַמט אַ גרויסן קוואַנטום געלן צוקער (דריטע סאָרט) און גרינסן צום אויסאַרבעטן מאַרמעלאַדע. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָלאָסאַלער אַפאַראַט, וועלכער האָט באַזאָרגט דאָס גאַנצע וואַרשעווער געטאָ מיט די אויבן דערמאָנטע אַרטיקלען. טאָג־טעגלעך פלעגן פון די פאַבריקן אַרויסגיין פורן סחורה און דורך די קאָנסיגנאַציע־לאַגערן פלעגן זיי פאַרטיילט ווערן איבער די דעטאַלגעשעפטן. גלייכצייטיק איז אַ גרויסע מחנה אַרבעטסלאָזע געוואָרן באַשעפטיקט אין דער פראָדוקציע, פאַקונג, עקספעדיציע און אויך ווי האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

אויף אַ זיצונג פון צוקער־פאַרבאַנד איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאַג צו עפענען פאַך־קורסן פאַר צוקער־אויסאַרבעטונגען. אַזאַ אַנשטאַלט איז געעפנט געוואָרן אין געוועזענעם בנין פון „סיגנאַלינאַ" מילך־אויסאַרבעטונגען (זשעלאַזנע 59). די קורסן האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. דאָ האָבן באַזוכט מענטשן זאָגאַר מיט העכערער בילדונג, כדי אויסצולערנען זיך אַ פאַך. אין יענער צייט איז געווען זייער אַקטועל דאָס פראָבלעם צו פראָדוקטיוויזירן די יידישע יוגנט.

דאָס איז אַן איבערבליק נאָר פון איין פּראָדוקציע־צווייג. אין וואַרשע־ווער געטאָ זיינען געווען נאָך פיל ענלעכע. אויסער דעם האָבן פיל פּאַבלייט איבערגעשטיגן מיט דער קוואַליטעט פון די זעלבע אַרטיקלען, וועלכע פלעגן פּראָדוצירט ווערן אויף דער אַרישער זייט, ניט קוקנדיק וואָס די רוישטאָפן און אַרבעטס־מעגלעכקייטן זיינען דאָרט געווען ניט צום פאַרגלייכן. דערצו זיינען די פּרייזן פון די געטאָ־אויסאַרבעטונגען געווען פיל נידעריקער ווי די „אַרישע". אַ דאַנק דער ענערגיע און אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן פון די יידישע פּראָדוצירער האָבן די דייטשן גענומען קוקן אויף דעם וואַרשעווער געטאָ, ווי אויף אַ פּראָדוציר־צענטר, און ווי זיי אַליין האָבן נאָכדעם מודה געווען, איז דערפאַר אַלץ אויף שפּעטער אָפּגעלייגט געוואָרן דאָס ליקווידירן פון אָט דער גרויסער יידישער קאָנצענטראַציע. די הויפּט־פאַרדינסטן אויף דעם געביט האָט געהאַט די גאַנצע פאַרוואַלטונג בראש מיטן פאָרזיצער געפּנער. אים פלעגן די דייטשן זייער אָפט אַרויסרופן אויף אַ שטרענגן פאַרהער. מיט ווירדע פלעגט ער זיך אַריינזעצן אין געשטאַפּאָ־אויטאָ, און מיר, זיינע מיטאַרבעטער, פלעגן באַוווּנדערן זיין האַלטונג און נאָכקוקן זיינע זילבערנע האָר, ווי זיי שפּרייטן זיך צעווייעט פונאַנדער פון לויפנדיקן אויטאָ. פון די וויזיטן פלעגט ער מיט יעדן מאָל זיך צוריקקערן אַלץ מער געבראָכן. אין געשטאַפּאָ פלעגט מען אים כס״ר דורך פאַרשיידענע דראָאונגען פּרווון צווינגען צו אַרויסגעבן די קוועלן, פון וואַנעט מיר באַקומען די רוישטאָפן. שטענדיק איז געווען זיין ענטפער: אַ מענטשן אין מיין עלטער וועט איר מיט גאָרניט אָפּשרעקן. ניט איין מאָל איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן אַלס ערובניק. ווען מיר פלעגן אים פרעגן: „ה' פרעזעס, ווען וועט שוין ווערן בעסער ?", פלעגט ער אונדז ענטפערן: „עס זאָל נאָר ערגער ניט זיין".

ביז דער לעצטער מינוט, ביז דער סאַמע ליקווידאַציע פון דעם וואַרשעווער געטאָ איז אַברהם געפּנער דאָ געבליבן און אַלץ געשטאַנען אויף דער וואַך פון די יידישע אינטערעסן. אַ סך קריסטן האָבן אים פאָרגעלייגט ער זאָל איבערגיין צו זיי אויף דער אַרישער זייט. ער איז אָבער מיט דעם וועג ניט געגאַנגען. אברהם געפּנער איז אַוועק מיט דעם וועג פון דער גאַנצער יידישער מאַסע — צום אומשלאַגפּלאַץ אויף דזיקע־גאַס, אין דער ריכטונג פון טרעבלינקע...

(235/99.)

# אין טרעבלינקע

## (גבית עדות)

אין וואַרשעווער געטאָ האָב איך געאַרבעט אין דער זאָקן־פאַבריק ברוין־ראָווינסקי, לעשנאָ 78. אין אַ יולי־טאָג 1942, 12 אַ זייגער בייטאָג, ווען איך בין געשטאַנען מיט מיין שוועסטער ביי דער אַרבעט, זיינען אָנגעקומען ס"ס־לייט אין פאַנצער־אויטאָס און ארומגערינגלט די געביידעס לעשנאָ 78־76 און פאַרנומען די אַלע אריינגענגן. זיי זיינען אַריין אין די פאַבריק־געביידעס, גענומען שלאָגן די מענטשן און 4 פערזאָן (3 מענער און 1 פרוי) דערשאָסן ביים טויער. זיי האָבן אַלעמען ארויסגעיאָגט אויפן הויף נר 78. פון דעם פלוצלונגדיקן איבערפאַל און דערצו נאָך פון די קולות פון די ווילדע מערדער איז געוואָרן אַן אומבאַשרייבלעכע פּאַניק. מענטשן האָבן געחלשט; אייניקע פערזאָן זיינען אויף די טרעפ דערשטיקט געוואָרן.

אין הויף איז פאָרגעקומען די סעלעקציע. איין ס"ס־מאַן מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנט האָט אָנגעפירט: רעכטס, לינקס... די פאַראורטיילטע פון לינקס האָט מען אַריבערגעשיקט אין גאַס אריין; די מענטשן פון רעכטס – אין פאַבריקהויף נר 76.

מיין שוועסטער האָט מען באַשטימט אויף לינקס און ארויסגעשיקט אין גאַס; מיך – אויף רעכטס. קענענדיק זיך ווי אַ גוטן פאַכמאַן בין איך צוגעגאַנגען צום דייטשן פאַבריק־לייטער קאַראָל געאָרג שולץ און אים געזאָגט: „אָדער מען גיט מיר ארויס מיין שוועסטער, אָדער איך גיי צוזאַמען מיט איר". אַלס ענטפער האָב איך געקראָגן פון אים 2 פעטש מיט די ווערטער: „גיי מיט דער שוועסטער, דאָרט וועט אייך ביידן בעסער זיין!"

ווען איך בין צוגעקומען צו מיין שוועסטער אין גאַס זיינען שוין דאָרט געלעגן אַ גרויסע צאָל הרוגים. מען האָט אונדז געהייסן זיך זעצן „קני־בויגען" מיט די הענט אין דער הויך. מיר זיינען אין אַזאַ פּאָזיציע געזעסן ביז פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג, ווען די סעלעקציע האָט זיך געענדיקט. פיל האָבן געחלשט פון די יסורים, וואָס דאָס זיצן איינגעקניט האָט זיי פאַרשאַפט. די ס"ס־וואַך האָט אַ טייל פון די פאַרחלשטע אריינגעשלעפּט אין טויער און זיי דערשאָסן. אַ טייל האָבן זיי געשאָסן גלייך אויפן אָרט. האַלב פינף אַ זייגער איז דער גאַנצער טראַנספּאָרט אָפּגעפירט געוואָרן צום אומשלאַג־פּלאַץ. ניזקע 2, ווו מיר האָבן שוין געטראָפן אַ גרויסע צאָל יידן. דאָרט זיינען מיר

געווען אָן עסן אַ גאַנצע נאַכט. 5.30 פֿאַרטאָג האָט מען אונדז אויפֿגעקלאָרן אין אַ פּראַכטצוג, צו 120–140 מאַן אין אַ וואַגאָן, און מיר זײַנען אָפּגעפֿאָרן. יעדער טראַנספּאָרט איז באַשטאַנען פֿון 10.000 מאַן. אין יעדן וואַגאָן האָט מען אַרײַנגעגעבן 10 ברויט און אַן עמער וואַסער.

די וואַגאָנעס זײַנען געווען באַוואַכט פֿון אוקראַיִנישע און לעטישע העלפֿס־פּאָליצײַ, באַוואָפֿנטע מיט מאַשין־געווער און האַנט־גראַנאַטן. צו יעדן וואַגאָן זײַנען געווען צוגעטיילט 4 פּאָסטנס פֿון פֿאָרנט און 2 פֿון הינטן. שוין די ערשטע נאַכט זײַנען אין וואַגאָן, וווּ איך מיט מײַן שוועסטער האָבן זיך געפֿונען, געווען 4 קרבנות. די זעלבע נאַכט זײַנען אין וואַגאָן אַרײַנגעקומען אוקראַיִנער און לעטן און אויפֿגעפֿאָדערט, מיר זאָלן אָפּגעבן דאָס געלט און צירונג. ווײַל מיר גייען סײַ־ווי צום טויט. זיי האָבן אונדז אונטערזוכט און אַלצדינג צוגענומען. ווען עמעצער פֿון אונדז האָט געבעטן אַ ביסל וואַסער האָבן זיי געענטפֿערט: „באַלד קומט שוין אײַער טויט".

אַרײַנפֿאָרנדיק אין לאַגער האָבן מיר דורך די וואַגאָן־פֿענצטערלעך דערזען צעריסענע גופֿים, באַזונדערע טיילן פֿון מענטשלעכע קערפּערס, אויך פֿיל מלבושים זיך אַרומוואַלגערן אין זאַמד. אונדזער רייזע האָט געדויערט 2 טעג און 2 נעכט. 2 שעה נאָכן אָנקומען פֿון צוג האָט מען געעפֿנט די וואַגאָנעס, און די פֿאַרחלשטע מענטשן זײַנען כמעט ווי אַרויסגעפֿאַלן פֿון זיי. פֿון אַלע זײַטן האָט זיך געעפֿנט אַ געשרײַ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן בײַ אַ 3 מינוט. די לעבנגעבליבענע האָבן געמוזט מיטנעמען דאָס געפּעק פֿון די טויטע. מען האָט אַלעמען אָפּגעפֿירט אַ ביסל ווײַטער. דאַן איז געקומען אַ באַפֿעל: אויסטאָן די שיך און זיי צונויפֿבינדן. מיט די צונויפֿגעבונדענע שיך און פּעקלעך אין די הענט זײַנען מיר ווײַטער געגאַנגען. דאַן איז געקומען אַ צווייטער באַפֿעל: אַלע שיך אַנידערלייגן אין איין קופּע. נאָך דעם האָט מען אונדז צוגעפֿירט צו אַ צוים. דאָרט זײַנען געשטאַנען 3 ס"ס־לײַט, וועלכע האָבן אַרויסגעזוכט פֿון אונדז 800 קרעפֿטיקע יונגעלײַט אין עלטער פֿון 18 ביז 21 יאָר. איך בין אויך געווען צווישן זיי. די איבעריקע האָט מען אַרײַנגעטריבן אונטער אַן אָפּדאַך. מיר, די 800 אָפּגעקליבענע, האָבן געמוזט צונויפֿשליסנדיק די הענט, מאַכן אַ מין קייט אַרום דעם אָפּדאַך. אויפֿן פּלאַץ אַרום און אויפֿן דאַך פֿונעם אָפּדאַך זײַנען געשטאַנען אוקראַיִנישע און לעטישע פּאָליציסטן און סאָלדאַטן.

פֿון ביידע זײַטן אָפּדאַך זײַנען אייף טאָוולען געווען אויפֿשריפֿטן אין אוקראַיִניש, פּויליש און דײַטש, וואָס האָבן אויפֿגעפֿאָדערט אָפּצוגעבן די קליידער. דאָס געלט און ווערטזאַכן מוזן ווערן אַרײַנגעוואָרפֿן אין טאַשנטיכלעך און איבערגעגעבן. פֿאַר דעם געלט וועט מען אונדז פֿאַרפּלעגן, און ביז אונדזערע קליידער וועלן געריי־ניקט ווערן — וועט מען אונדז נאָכן באָדן געבן פֿאַפּירענע קליידער...

די אַלע. וואָס זיינען שוין געווען אויסגעטאָן, האָט מען געהייסן גיין צו אַ צוים, געפלאָכטן פון פלאַנצן און דראָט און דאָרט דורך אַ קליין טירל אריבערגיין אויף דער צווייטער זייט. מיר, די 800, האָבן דאַן סאָרטירט די מלבושים, געזוכט אין די קעשענעס געלט און גאָלד. די אַלע זאַכן, ווי וועש, קאָסטיומען, מאַנטלען, געלט און טייערע חפצים האָבן מיר געמוזט אויססאָרטירן און פאַרפאַקן אין באַזונדערע קאַסטנס. אַ טייל פון אונדז האָט מען געשיקט רוימען די וואַגאָנעס. אַ טייל האָט געפירט די מתים צו די גריבער, פון וואַנען עס האָט זיך געצויגן אַ זייל בלויער רויך. לעבן די גריבער זיינען געלעגן בערג מתים. דורך לייטערס האָבן מיר די נייע מתים ארויפגעשלעפט אין דער הויך און דאַן זיי אלעמען באַשאָטן מיט קאַלך.

דערנערט האָבן מיר זיך בלויז פון דעם שפייז, וואָס מיר האָבן געפונען אין די קעשענעס פון די בגדים און אין די פעקלעך. ביינאַכט האָט מען אונדז אריינגעפירט אין אַ באַראַק. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געטראָגן צו אונדז דער קלאַנג פון מאַשין־געווער און ילֵלות פון מענטשן. מיינער אַ חבר, העניעק גאָלדבערג, איז ארויס פון באַראַק געוואָר ווערן וועגן דער שיסערייַ — איז ער גלייך אין דרויסן דערשאָסן געוואָרן.

4 אַ זייגער פאַרטאָג האָט מען אונדז ארויסגעטריבן צו דער אַרבעט. מיר האָבן געמוזט נעמען די טויטע פון די קופּעס און וואַרפן זיי אין די גריבער. אַ שיכט האָלץ און אַ שיכט מענטשן. און אזוי האָבן זיך נאָך דעם צעפלאַקערט די גופים פון אונדזערע נאָענטע. צווישן די טויטע האָב איך געפונען אַ פרוי, וואָס האָט אין די לעצטע גסיסה־קראמפן פעסט צוגעדריקט צו איר ברוסט איר קליין קינד. 8 אַ זייגער אין דער פרי האָבן מיר די גריבער פאַרשאָטן מיט זאַמד און אויסגעגלייכט די ערד, מען זאָל ניט דערקענען, וואָס דאָ איז געווען.

נאָך 9 אַ זייגער איז אָנגעקומען אַן ס״ס־מאַן. ער האָט געהייסן 5 פון אונדז זיך אויסטאָן און זיי צוגעפירט צו אַ פריש אויסגעגראָבענער גרוב. מיט אַ רעוואָלווער האָט ער יעדן פון זיי אריינגעשאָסן און דאַן מיטן פוס אריינגעשטופּט אין גרוב אַריין. מיר האָבן דאַן געאַרבעט ביי די קליידער. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ווידער געקומען אַן ס״ס־מאַן, האָט ווידער אַ־רויסגענומען 5 פון אונדז, זיי געהייסן זינגען און דערנאָך דערשאָסן זיי. אַזוי איז עס צוגעגאַנגען כסדר אַ גאַנצן טאָג. צו 5, צו 5 האָט מען געשאָסן. איך האָב זיך געהאַט באַהאַלטן הינטער דעם באַרג קליידער און זיך צוגעדעקט מיט מאַנטלען.

נאָך 3 טעג איז פון אונדזערע 800 מאַן געבליבן נאָר 17. פאַר אַ ביסל וואַסער פלעגן מיר די אוקראַינער מוזן געבן אַ סך גאָלד. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז יעדן פינפטן טאָג קומט אָן אַ טראַנספּאָרט יידן, וועלכע ווערן אין משך פון די עטלעכע טעג אויסגעשאָסן.

אויפן פערטן טאָג איז געקומען אַ צוג מיט ליידיקע וואַגאָנעס. מײַנער אַ חבר, משה בורשטין פון נאַלעווקי 24, האָט מיר געגעבן דעם געדאַנק זיך צו ראַטעווען. מיר האָבן אין די וואַגאָנעס געלאָדן די פעק וועש און קליי־דער. איך האָב באַשלאָסן זיך צו באַהאַלטן אין אַזאַ וואַגאָן. אַרײַנטראָגנדיק אַ פעקל מלבושים, האָב איך זיך אײַנגעגראָבן אונטער דער קופּע. איך האָב געהערט ווי מען פאַרמאַכט און פלאָמבירט די וואַגאָנעס. איך האָב אויך גע־הערט נאָך דעם שיסערייען און פאַרשטאַנען, אַז דאָס פּטרן זיי די געבליבע־נע חברים.

ווען דער וואַגאָן איז שוין געווען פאַרפלאָמבירט, האָב איך ריזיקירט און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ צו כאַפּן אַ ביסל לופט. צו מײַן גרויסער דער־שטוינונג האָב איך באַמערקט נאָך אַ קאָפּ. מיר האָבן זיך אויפגערעדט. ס'איז געווען אַ ייִנגל פון פּראָווינץ. שפּעטער האָבן זיך אײַנגעפונען נאָך 2 ייִנגלעך. אײנער איז געווען מײַן חבר משה בורשטין. זיי האָבן זיך אַלע אויסגעקליבן דעם וואַגאָן, ווײַל ער איז געווען פון אײַזן און די פענצטער זײַנען געווען ניט פאַרקלאַפּט.

בײַם אַרויספאָרן האָב איך דורכן פענצטערל באַמערקט די אויפשריפט אויף דער סטאַנציע: Treblinka.

מיר זײַנען געפאָרן אַן ערך 20 שעה, ניט ווייסנדיק וווּהין דער צוג פירט. ערשט פאַר לובלין האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן, אַז מען פירט אונדז אין דער ריכטונג פון לובלין. מיר האָבן באַשלאָסן צו שפּרינגען פון לויפנ־דיקן צוג, ווײַל קוים קומען מיר אַרײַן קיין לובלין אָדער וואַרשע, וועט מען אונדז בײַם אויספּאַקן כאַפּן און מען וועט אונדז סײַ־ווי דערשיסן.

בײַ לוקאָוו זײַנען 2 חברים געשפּרונגען די ערשטע. מיר האָבן ניט געקענט גלײַך נאָכשפּרינגען, ווײַל דער לאָקאָמאָטיוו האָט גראָד געגומען פײַפן – אַ סימן, אַז מען דערנענטערט זיך צו אַ סטאַנציע. גלײַך נאָך דעם האָבן מיר געהערט שיסן. אַ ביסל שפּעטער איז אַרויסגעשפּרונגען מײַן חבר בורשטין, און ס'האָט זיך ווידער דערהערט אַ שאָס. מיר איז שוין דאַן געווען גלײַכ־גילטיק, צי זיי וועלן מיך שיסן, ווײַל כ'האָב געפילט, אַז מיר קומען נאָענט צו לובלין. כ'האָב געוואַרט אַ פאַר מינוט און זיך אַרויסבאַקומען פון וואַגאָן. כ'בין געבליבן הענגען אויף די הענט, אָנהאַלטנדיק זיך אָן די אײַזנס פון וואַגאָן. לאַנג אָבער האָב איך אַזוי ניט געקענט הענגען, ווײַל די אײַזנס האָבן געשניטן די הענט. כ'האָב זיך אָפּגעשטופּט פון וואַגאָן און אַרונטער־געשפּרונגען. שפּרינגענדיק האָב איך זיך אויסגעלינקט אַ פוס און צעריבן דאָס פּנים. עס האָט זיך ווידער דערהערט אַ שיסערײַ פון מאַשין־געווער. ווען דער צוג איז פאַרבײַ האָב איך געזען אויפן דאַך פון לעצטן וואַגאָן אַ מאַ־שין־געווער. פון דאָרט זײַנען עס געקומען די שיסערייען.

איך האָב זיך באַטאַפּט, צי כ'בין ניט פאַרוווּנדעט, אָבער צום גליק

האָבן די קוילן מיך או סגעשיטן. ווען כ'בין צו זיך געקומען, בין איך געגאַנגען זוכן די חברים. מיין חבר בורשטין האָב איך געטראָפן גאַנץ. מיר זיינען געגאַנגען לעננאויס די שינעס און געפונען די אַנדערע 2 ניט ווייט איינער פון צווייטן, אָבער שוין טויטע.

בורשטין איז אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד. איך האָב זיך געלאָזן קיין וואַרשע, ווו מיינע עלטערן זיינען געווען. נאָך 2 וואָכן וואַנדערן בין איך אָנגעקומען אין וואַרשע, פונקט דעם טאָג ווען ס'איז פאָרגעקומען די קינדער־אַקציע אויף מילע גאַס.

איך בין געווען דער ערשטער, וועלכער האָט די וואַרשעווער יידן געגעבן צו וויסן, וואָס עס געשעט מיט אונזערע ברידער, שוועסטער, עלטערן און קינדער.

שמחה בינם לעסקי

אויפגענומען אין דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע מינכען [140/58]

# לוצק
## (גבית־עדות)

מיטוואָך דעם 25־טן יוני 1941 איז די שטאָט לוצק געוואָרן אָקופּירט דורך די דייטשן. זונטיק דעם 29־טן איז שוין דאָ געווען אָרגאַניזירט אַן אוקראַינישע מיליץ, וועלכע האָט צוזאַמען מיט דער געשטאַפּאָ באַלאַגערט די שטאָט און אַרויסגענומען פון די וווינונגען ביז 2000 יידן. דער אויסרייד איז געווען — אויף אַרבעט. נאָך שרעקלעכע יסורים וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן, האָט מען זיי דערמאָרדעט.

דאָנערשטיק, דעם 3־טן יולי האָט זיך באַוויזן אַ באַפעל, אַז אַלע יידישע מענער פון 16 ביז 60 יאָר מוזן זיך מיט רידלען מעלדן צו דער אַרבעט אין שלאָס לובערטא (אַן אַלטער היסטאָרישער שלאָס אין לוצק). ביי 4000 יידן זיינען צונויפגעקומען און זיי אַלע זיינען דערשאָסן געוואָרן. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן אָבער פאַרזיכערט, אַז מען האָט זיי אַלע אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט.

נאָך דער אַקציע זיינען געקומען פאַרשיידענע גזירות אויף יידן, ווי געלט־קאָנטריבוציעס, אָפּגעבן אַלע ווערטפולע זאַכן (צירונג, קליידונג, געשיר, מעבל). נאָך דעם איז געקומען אַ שטרענגער פאַרבאָט פאַר דער קריסטלעכער באַפעלקערונג צו פאַרקויפן יידן עסנוואַרג אָדער עפּעס אַנדערש. דעם 19־טן אָקטאָבער 1941 האָבן דער אויבערשאַרפירער ס"ס־מאַן פייערטאַג און שאַרפירער הונקע געשאַפן אַ לאַגער פון פאַכמענער אונטערן נאָמען „דייטשע

ווערקשטעטע אין לוצק". דאָרט האָבן געאַרבעט בײַ 450 מאַן פון פאַרשיידענע פאַכן. די באַדינגונגען זענען געווען זייער שלעכטע. מען האָט געאַרבעט אונטער קלעפּ פון די דײַטשן און אוקראַינער, געשלאָפן אין נאַסע, קאַלטע באַראַקן און באַקומען שלעכט עסן.

אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ, וואָס האָט פאַרנומען דעם שטח פון באַזיליאַנסקער בריק ביז נידעווער בריק. סײַ מענער און סײַ פרויען פון 10 יאָר אַלט האָבן אַלע געמוזט גיין צו די שווערסטע אַרבעטן. פאַר מיטנעמען עפּעס פון דער אַרבעט אויך אַ ביסל האָלץ אָפּפאַל צום קאָכן, האָט מען 9 יידן דערשאָסן. אַלע יידן האָבן געמוזט טראָגן געלע לאַטעס. פאַרן עובר זיין אויף דעם האָט מען באַצאָלט מיטן לעבן.

דעם 19.8.1942 פאַרטאָג איז דאָס געטאָ באַלאַגערט געוואָרן דורך אוקראַינער און דײַטשן. מען האָט די מענטשן פונאַנדערגעטיילט אין 2 טיילן — אַרבעטנדיקע און ניט־אַרבעטנדיקע. נאָכן פונאַנדערטיילן האָט מען די יידן אַרײַנגעטריבן אין לאַסט־אויטאָס. פריער זײַנען געגאַנגען די אַרבעטנדיקע, וועלכע זײַנען שוין געווען צונויפגענומען באַזונדער אין שלאָס, און שפּעטער די אַלע איבעריקע. נאָך דעם זײַנען אָבער אַלע יידן אַוועקגעפירט געוואָרן 6 ק"מ הינטערן שטאָט, אין אַ וועלדל בײַם דאָרף אירקע - פּאָליאַנקע. דאָרט זײַנען שוין געווען פון פריער צוגעגרייט גריבער. פון אַלעמען האָט מען אַראָפּגעצויגן די מלבושים און גרופּעסווײַז דערשאָסן. די מענער האָט מען געוואָרפן אין באַזונדערע גריבער און די פרויען מיט די קינדער ווידער אין באַזונדערע. די ערשטע צוויי טעג פון דער שחיטה האָט מען דערמאָרדעט 14.000 יידן. אין משך פון אַ קנאַפּן מאָנאַט האָט מען נאָך אויפגעזוכט בײַ 4000 יידן, וועלכע זײַנען געווען אויסבאַהאַלטן אין בונקערס אָדער אַנטלאָפן פון שטאָט, און זיי אויך אויסגעמאָרדעט.

באַלד נאָך דער אַקציע פון די 14000 האָט מען די לאַגער־יידן פון די „דײַטשע ווערקשטאַטן" געטריבן אין געטאָ צונויפזאַמלען דאָס האָב און גוטס פון די געטאָ־וווינונגען. דאָרט האָבן די לאַגער־יידן געפונען אין די בונקערס בײַ 100 יידן, מענער און פרויען. זיי זײַנען שוין געווען מער טויט ווי לעבעדיק, אויסגעמאַטערט פון דורשט, הונגער און שרעק. מען האָט די יידן בגנבה ביסלעכווײַז מיטגענומען אין לאַגער אַרײַן און זיי שפּעטער דאָרט לעגאַליזירט.

נאָך דעם דערמאָרדן די 4000 יידן, וועלכע מען האָט געזאַמעלט אין שלאָס, האָבן די דײַטשן איבערגעלאָזט בײַם לעבן 5 פרויען. די ס"ס־לייט האָבן זיי דערקלערט, אַז די אַקציע איז פאָרמעל פאַרענדיקט געוואָרן 10 אַ זייגער פרי, (10.IX), און אַזוי ווי די צייט איז שוין פאַרבײַ, פאַלן זיי שוין ניט אונטער דער אַקציע. דעריבער זײַנען זיי פרײַ און קענען גיין וווּהין זיי ווילן. די פרויען זײַנען געקומען צוריק אין געטאָ. די אייסבאַהאַלטענע, זיך דערוויסנדיק די ידיעה וועגן די פרויען האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין פון די

באַהעלטעניש. עס האָבן זיך אָנגעקליבן ביי אַ 400 מענטשן. דאָס איז אָבער געווען נאָר אַ שפּיצל אויף אַרויסנאַרן די נאָך לעבן געבליבענע יידן פון זייערע באַהעלטעניש. די דייטשן האָבן געגעבן אַ באַפעל, אַז די יידן זאָלן זיך רעגיסטרירן. דאַן האָט מען די יידן באַפוילן זיך פאַרזאַמלען אין אַ קליינעם געטאָ, צווישן די 2 בריקן, די אַזוי גערופענע „ראַמבאַ גניאַדאָווסקאַ", אין 3 טעג אַרום נאָכן שאַפן דאָס געטאָ האָבן די דייטשן אין איינער אַ נאַכט (14 סעפּטעמבער) געמאַכט אַ פּראָוואָקאַציע. זיי האָבן אונטערגעצונדן 2 הייזער און געזאָגט, אַז די יידן האָבן דאָס געטאָן. כלומרשט ווי אַ שטראָף האָבן זיי צוזאַמענגענומען אַלע יידן און זיי אָפּגעפירט אין שלאָס אַריין. צו דער זעלבער צייט איז אין דעם ווערקשטאַטן־לאַגער פאָרגעקומען אַ סעלעקציע. מען האָט אָפּגעקליבן 200 מאַן, צווישן זיי אויך די דאָקטוירים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין געוועזענעם יידישן שפּיטאָל, וואָס איז איצט געווען פאַר רוסישע געפאַנגענע. צוזאַמען מיט די 400 יידן פון שלאָס האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין וואַלד און דערשאָסן. די סעלעקציע אין לאַגער האָבן אויסגעפירט דער געביטס־קאָמיסאַר לינדנער און זיין פאַרטרעטער גליק.

די נאָך געבליבענע מענטשן אין ווערקשטאַטן־לאַגער זיינען געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. יעדער האָט געזוכט אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, כאָטש דער לאַגער־פירער וועבער האָט פאַרזיכערט, אַז אונדז וועט גאָרנישט געשען. די אַרומיקע באַדינגונגען זיינען פאַר אונדז געווען זייער שלעכטע. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט מיט גאָרנישט געוואָלט העלפן אַ יידן, און זיך באַצוינגען צו זיי מיט האַס. קיין ווילן ניט געווען ביי זיי צו ראַטעווען אונדז.

דעם 12.X.42 ביינאַכט האָבן דעם לאַגער אַרומגערינגלט אַ גרויסע צאָל דייטשן און אוקראַינער. פאַרטאָג האָבן זיי געוואָלט צונויפנעמען די יידן און זיי אַוועקפירן אויפן זעלבן אָרט, וווּ אַלע יידן זיינען פריער דערמאָרדעט געוואָרן. די יידן האָבן פאַרבאַריקאַדירט די טירן און ניט אַריינגעלאָזט די מערדער. נח בראָנשטיין, אַ סטאָליער, האָט אויסגעשאָסן פון אַ רעוואָלווער, צילנדיק אין אָנפירער פון די שחיטות דעם ס"א־מאַן גליק. די מערדער האָבן דאַן געעפנט אַ פייער און באַוואָרפן דעם בלאָק מיט גראַנאַטן. ניט האָבנדיק קיין אויסוועג, האָבן די יידן אַליין אונטערגעצונדן דעם בלאָק און דורך פאַרשיידענע וועגן זיך געלאָזט צום צוים. צום באַדויערן איז זיי ניט געלונגען זיך צו ראַטעווען; אַ האָגל פון קוילן און גראַנאַטן האָט זיי באַגעגנט. זיי זיינען געפאַלן, אָבער מיט אַ העלדן־טויט.

6 מאַן, צווישן זיי אויך איך, האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ בלאָק אונטער קאַסטנס און ביינאַכט אַנטלאָפן.

דאָס איז דער גאַנצער סך־הכל פון דעם גרעסטן יידישן קיבוּץ אין וואָלין.

מאיר רויטמאַן

אויפגענומען אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פערנוואַלד [צ.ה.ק. 339/252]

# די שחיטה ביים ברעג ים

## (גבית עדות)

דעם 27־טן אויגוסט זיינען מיר פון לאָדזשער געטאָ געבראַכט געוואָרן מיטן באַן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנעס קיין אוישוויץ. ביי דער סעלעקציע פון די מענטשן אויף אַרבעטספּעיקע און ניט אַרבעטס־פעיקע, וואָס איז פאָרגעקומען גלייך ביי אונדזער אָנקום קיין אוישוויץ, בין איך געוואָרן פונאַנדערגעטיילט פון מיין מוטער, וועלכע איך האָב שוין אויף אייביק פאַרלאָרן. מיר האָט מען באַפוילן צו גיין אויף רעכטס, צווישן די אַרבעטס־פעיקע, און מיין מאַמען — אויף לינקס, צווישן די ניט אַרבעטס־פעיקע. די זיינען עס געווען באַשטימט פאַר די גאַזאויוונס און קרעמאַטאָריעס. מיין פאָטער איז שוין געווען אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ פון אַ האַרץ־שלאַק, ביים צוזען אַן אַקציע. די אַקציע גופא האָט ער אויסגעמיטן, ווייל ער האָט זיך גערעכנט ווי אַן אַרבעטער אין אַ בעקעריי. זיין האַרץ האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטן און געפּלאַצט.

גלייך נאָך דער סעלעקציע אין אוישוויץ בין איך צוזאַמען מיט די אַרבעטס־פעיקע פרויען און מענער נאָך אַ סך צרות און טילטולים געקומען קיין שטוטהאָף. דאָ האָב איך ווייטער איבערגעלעבט אַ סעלעקציע. די געזונטע אַרבעטס־פעיקע זיינען געשטעלט געוואָרן באַזונדער און די שוואַכע און קראַנקע זיינען גלייך נעגאַנגען אין גאַז־קאַמער. נאָך אַלע ליידן בין איך נאָך אַלץ פאַררעכנט געוואָרן צווישן די געזונטע און בין צוזאַמען מיט אַנדערע געבראַכט געוואָרן, ווי די בהמות אין פאַרמאַכטע פראַכט־וואַגאָנעס, פון שטוטהאָף קיין יעזאוי, 16 ק"מ פון קעניגסבערג. דאָס איז געווען אין אָקטאָבער 1944. דאָס אָרט איז געווען אַ פלוגפּלאַץ, וואָס האָט געזאָלט פאַרגרעסערט ווערן דורך ווייטעררייקן אויסהאַקן פון וואַלד. צוויי וואָכן בין איך געשטאַנען מיט דער האַק און זעג, געהאַקט און אומגעוואָרפן ביימער און זיי נאָך אַליין אַוועקגעשלעפּט. ביי אַ דערנערונג פון 150 גראַם ברויט אַ טאָג מיט אַ וואַסערדיקער זופּ, דערצו 20 גראַם מאַרגאַרין אַ וואָך. געשלאָפן זיינען מיר אין קאַלטע באַראַקן אויף האַרטע נאַרעס.

ענדע דעצעמבער 1944, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער אָנגריף פון דער רויטער ארמיי אויף קעניגסבערג, זיינען אַלע לאַגערן פון מזרח־פּרייסן עוואקויִרט געוואָרן אין שטאָט קעניגסבערג. ווי די ס"ס־לייט האָבן פאַרזיכערט, האָבן מיר געזאָלט פון דאַנען אריבערגעשיקט ווערן קיין

דענעמאַרק. אַזוי איז אָבער ניט געווען. נאָך 8 טעג אָפּזיצן אין קעניגסבערג האָט מען פון די באַראַקעס ארויסגענומען אַלע געזונטערע מענער און פרויען און בכלל יעדן וואָס האָט נאָר געקענט גיין אויף די פיס. די קראַנקע און שוואַכע זיינען געבליבן אין די באַראַקעס, וועלכע מען האָט אונטערגעצונדן צוזאַמען מיט די מענטשן אין זיי. אונדז די אָפּגעקליבענע, האָט מען אוועקגעפירט קיין פאלמיקען, קרייז זעמלאַנד. אויפן וועג זיינען אייסגעפאַלן פון דייטשישע קוילן און קלעפּ העכער 3000 מאַן. אזוי ארום זיינען מיר פון 10 טויזנט מענער און פרויען אָנגעקומען קיין פאלמיקען נאָר זיבן טויזנט. דאָרט האָבן אונדז די דייטשן אריינגעטריבן אין אַ בורשטין־ווערק, ווו מיר זיינען אויף שטרוי אָפּגעלעגן 4 טעג אָן עסן און וואַסער. דעם פערטן טאָג ביים ארויסלאָזן אונדז האָט יעדער געקראָגן צו 3 קאַרטאָפל.

דעם 31טן יאַנואַר 1945 האָט מען אונדז 7000 מאַן ארויסגענומען פון די באַראַקן. אונטערן אויסרייד, אַז מען פירט אונדז קיין דענעמאַרק האָט מען אונדז צוגעפירט צום „אָסט־זעע", ד.ה. ביים באַלטישן ים. אהער האָבן עס געזאָלט אָנקומען שיפן און אונדז אריבערפירן קיין דענעמאַרק. קיינעם פון אונדז איז נישט איינגעפאַלן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד; מיר האָבן דאָך געזען, אַז מיר זיינען אויף אַן אמת ביים ברעג ים. געפירט צום ים האָט מען אונדז אין אַזאַ אָרדענונג: די ערשטע זיינען געגאַנגען פרויען הינטער זיי — די מענער. די גאַנצע צייט פון אונדזער מאַרש האָבן מיר געהערט שיסערייען און דאָס איז געוואָרן אויפפאַלנדיק. די דייטשן האָבן אונדז דערקלערט אַז דאָס שיסן אויף אונדז די רוסן. שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס האָבן די דייטשן אויסגעשאָסן די אַלע מענער, וואָס זיינען געגאַנגען הינטער אונדז.

דאָס דערשיסן די מענער איז פאָרגעקומען אזוי: ווי נאָר מען האָט זיך דערנענטערט צום ים־ברעג האָבן די וולאסאָווצעס (רוסן אין דייטשישער ארמיי) אָנגעכאַפּט די מענער און זיי צעטיילט צו 50 אין אַ גרופּע. פון די שטרענג־באַוואַכטע גרופּעס פלעגן זיי ארויסנעמען צו 15־10 מאַן, אריינשליידערן זיי אין ים און דערשיסן. די מענער האָבן זיך געוואָרפן אויף די פּאָסטנס, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אָבער צו שוואַך זיינען זיי געווען קעגן די מערדער און אַלע, בײ 2000, זיינען זיי אויסגעהרגעט געוואָרן.

די פרויען, וועלכע זיינען געגאַנגען נאָענט צו די מענער און האָבן געזען וואָס ווערט געמאַכט. — האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן. ערשט דאַן האָבן מיר, די פרויען פון די ווייטערדיקע פאָדערשטע רייען, שוין פאַרשטאַנען די שיסערייען, וואָס האָבן זיך עס צו אונדז דערטראָגן. אונדז איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר גייען דאָ צום טויט און נישט קיין דענעמאַרק. צווישן די אַלע פרויען איז געוואָרן אַ פּאַניק. מען האָט אָנגעהויבן לויפן. די ס"ס־לייט האָבן געעפנט אַ שיסעריי. יערע 50 פרויען זיינען גלייך געוואָרן ארומגערינגלט מיט ס"ס־מענער און וולאסאָווצעס און געוואָרן געצוווּנגען צו בלייבן שטיין

אויף אַן אָרט. די פּאָסטנס האָבן דערווייל גענומען צו 5 פרויען, געשטופּט זיי צום ים און דערשאָסן.

ווען אַלע פרויען זיינען שוין געלעגן אויפן אייז ביים ברעג האָבן די ס"ס־לייט געשריען צו די דערשאָסענע: „אויפשטעהען!". ווער ס'האָט אייפגעהייבן דעם קאָפּ, ארויסווייזנדיק סימנים פון לעבן האָט גלייך באַקומען נאָך אַ קויל. די אַקציע האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט ביז טאָג. אַלע הרוגים זיינען געבליבן ליגן אויפן אייז פון באַלטישן ים.

ביי די אַלע אַקציעס וואָס איך האָב שוין געהאַט ביז דאַן איבערגעלעבט, האָט מיר מיין זעלבסטגעפיל דיקטירט שטענדיק זיך צו דרייען און מאַנעווירן אזוי, אַז איך זאָל זיין פון די לעצטע. אויך ביי דער אַקציע האָב איך זיך באַמיט צו בלייבן פון די לעצטע איך האָב זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט נאָך 4 חברטעס (צילא מאָשקאָוויטש און וויינבערג פון לאָדזש, וועלכע געפינען זיך איצט אין פרידלאַנד, נידערשלעזיע; די אַנדערע 2 חברטעס זיינען דערטרונקען געוואָרן ביי דער אַקציע).

ווען עס איז געקומען די ריי אויף אונדזער גרופּע פון די 50 פרויען און די פּאָסטנס האָבן שוין צו 5 גענומען פירן צום ים, האָבן מיר, די 5 חברטעס, געפּרוווט זיך אריבעררייסן צו די פרויען פון די הינטערשטע רייען. מיר האָבן זיך גענומען רייסן מיט די ס"ס־לייט, וועלכע האָבן אונדז געשלאָגן מיט די קאָלבעס איבער די קעפּ און אונדז שטאַרק צעבלוטיקט. עס איז אונדז אָבער געלונגען דאָך זיך דורכצורייסן צו דער צווייטער גרופּע פרויען, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען אין דער ריי דערשאָסן צו ווערן. דאָס האָט באַמערקט אונדזער לאַגער־פירער, דער ס"ס־מאַן שטאָק. ער האָט אונדז אָנגעכאַפּט און באַפוילן גלייך צו אריינפירן אונדז אין ים און דערשיסן. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די איבעריקע, זיך צעקושט און מיר זיינען אריינגעשליידערט געוואָרן. מען האָט אויף אונדז געשאָסן. דער גורל האָט אָבער געוואָלט, אַז די קויל זאָל ניט אַלעמען פון אונדז טרעפן. געפאַלן איז יעדע אין אַן אַנדער ריכטונג. צוויי פון אונדז האָט די קויל געטראָפן. און דריי זיינען מיר געבליבן לעבן. די גאַנצע נאַכט זיינען מיר געלעגן אויפן אייז מיט די טויטע. אויף מאָרגן אינדערפרי, דעם 1טן פעברואַר 1945, האָבן מיר פאַרבלוטיקטע זיך ארויסגעשאַרט פון אונטער צווישן די טויטע, צוזאָגנדיק זיי, אַז מיר וועלן נקמה נעמען פאַר די יונגע לעבנס, וואָס די מערדערס האָבן איבערגעהאַקט.

מיר זיינען אַוועק אין די וועלדער פון פּאַלמיקען אין דאָרף זאָרגענאַי. דאָרט איז אונדז געלונגען צו קריגן פּאַפּירן, אַז מיר זיינען דייטשקעס. דעם 20טן אפּריל זיינען מיר באַפרייט געוואָרן דורך די סאָוועטן. צוזאַמען מיט דער דייטשקע, ביי וועלכער מיר האָבן געלעבט, האָבן אונדז די רויט־ארמייער אינטערנירט אין אַ דייטשישן לאַגער. נאָר דורך דעם, וואָס אַ יידישער קאַפּיטאַן פון דער רויטער ארמיי האָט פעסטגעשטעלט, אַז מיר

זיינען טאַקע נים קיין דייטשן, נאָר יידן (ער האָט אונדז אויסגעפרעגט וועגן די יידישע יום־טובים, ווי פסח, יום כיפור), זיינען מיר ארויסגענומען געוואָרן פון דעם לאַגער און אריבערגעפירט געוואָרן קיין קראַנץ, אַ שטעטל אין מזרח־פרייסן, ווו עס איז געווען אַ לאַגער ספּעציעל פאַר אויסלענדער. דאָ האָבן מיר זיך געטראָפן מיט נאָך 7 מיידלעך און 3 מענער פון אונדזער טראַנספּאָרט, וועלכע זיינען אויך אזוי ווי מיר על פּי נס געראַטעוועט געוואָרן.

מרים צוויינ

אויפגענומען אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע ניי־פרייטאַן
(צ.ה.ק. 314/200)

# מיטן טראַנספּאָרט פון לאַגער באלקענהיים

(גבית עדות)

ביי 800 העפטלינגע זיינען מיר אין יאַנואַר, 1945 געווען ביים אָפּמאַרש פון באלקענהיים (ביי גראָס־ראָזען). פריער איז אונדזער צאָל געווען פיל גרעסער. אַ טייל איז אָבער געוואָרן דערשאָסן און נאָך מער זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער. פאַרן אָפּמאַרש האָבן די בעהערדן דורכגעפירט די כיחות פון די שוואַכערע. מען האָט גענומען די שטאַרקסטע קאַפּאָס און געהייסן זיי וואַרפן זיך אויף די מענטשן. איז איינער אומגעפאַלן, איז צוגלייך אויך געפאַלן זיין אורטייל: מען האָט דעם אומגליקלעכן פאַרגיפטעט. ביים מאַרש האָבן מיר געמוזט שלעפן די שווערע וועגענער, באַלאָ־ענע מיט די פעק זאַכן פון די לאַגער־פירער, לאַגער־עלטסטע און ס״ס־מענער, וועלכע האָבן באַגלייט דעם טראַנספּאָרט. מיין 15 יאָריקער זון האָט אויך געמוזט מיטשלעפן אַזאַ וואָגן. מיר אַלע זיינען שוין געווען אויסגעמאַטערט און דערשעפט. הינטער אונדזער קאָלאָנע איז דער וועג געבליבן באַדעקט מיט מתים. ווער עס האָט נים געקענט ווייטער גיין, איז גלייך אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. קנאַלן האָבן כסדר אָפּגעהילכט, און דאָס האָט געהייסן, אַז ווידער איז

איינער טויט. איז ווער אומגעפאַלן, האָט ער שוין געוווּסט, אַז זיינע לעצטע לעבנס־סעקונדעס האָבן געשלאָגן. קען זיך ווער פאָרשטעלן די ליידן פון אָט די מענטשן?

ניט איין מאָל האָבן זיך די איבעריקע מיטגייער באַמיט צו אויפהויבן אַ געפאַלענעם און אַ שטיקל וועג אים מיטשלעפּן. ליידער זיינען אָבער אונדזערע אייגענע כוחות געווען גאָר שוואַך, און מיט אַ שווער האַרץ פלעגן מיר מוזן דעם אומגליקלעכן אָפּלאָזן. אַ הילך פון אַ שאָס פלעגט אונדז באַלד לאָזן הערן דעם גרוס פון זיין לעצטן גורל...

ביינאַכט האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין אַ שייער, ווו מיר זיינען געשטאַנען איינער צום צווייטן אַזוי צונויפגעפרעסט, אַז מיר האָבן זיך מיט די הענט ניט געקענט באַוועגן. אין דער פינסטערניש האָט מען כסדר געהערט קולות מיט יאָמערן: „איך ווער דערשטיקט!" עס איז געווען שרעקלעך און גרויזאַם ווי נאָך קיין מאָל. די וועלכע האָבן דערצויגן ביז באַגינען, זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן אין דרויסן. דאָ האָט מען ווידער איסגעשאָסן די שוואַכערע. די איבעריקע האָבן באַקומען זייערע פּאָרציעס ברויט (250 גר'), און די קאָלאָנע האָט זיך גערירט. דער וועג האָט געפירט דורך וועלדער. ס'איז געווען גליטשיק און ביטער קאַלט. מיר האָבן געמוזט שנעל לויפן און האָבן זיך כסדר אויסגעגליטשט. מען איז געפאַלן, זיך אויפגעשטעלט און ווידער געפאַלן. מאַנכע האָבן שוין ניט געקענט זיך מער אויפהויבן. עס איז געווען אַ מוראדיקער קאַמף פאַרן לעבן.

איך האָב כסדר אָנגעהאַלטן מיין קליינעם זון, אים געמוטיקט; דערביי אויך געזונגען און געלאַכט; אַלץ געטאָן כדי צוגעבן אים מוט און האָפענונג. מיין האַרץ האָט אַלץ איבערגעציטערט פון גערודער, טאָמער האַלט מיין קינד חלילה דעם וועג ניט דורך. אַזוי לאַנג האָב איך דאָך פאַר זיין לעבן געקעמפט, איך האָב געהאַט אַ ציל! יערע פאָר שעה, ווען עס האָט אים געדראָט די כוחות צו פאַרלירן, האָב איך אים אונטערגערוקט אַ קליין שטיקל ברויט. ווי אָפט פלעגט ער מיר זאָגן: „טאַטע, איך האָב שוין קיין כוח ניט וויטער צו גיין, לאָז מיר זיך זעצן"... מיינע געפילן דאַן בין איך צו שוואַך אַרויסצוברענגען דורך דער פען. איך געדענק נאָר, אַז מיינע ציין פלעגן זיך מיר צוזאַמענדריקן און איך האָב געוויינט...

נאָך אַ לאַנגן און טראַגישן מאַרש זיינען מיר אָנגעקומען קיין הירש־בערג, ווו מען האָט ווירער אָפּגעקליבן מער ווי 100 העפטלינגע. דער לאַגער־

עדטסטער האָט זיי אַרומגעשטעלט - מיט גאָר אַ שטרענגער וואַך און געזאָגט בפירוש: „דאָס איז אַ הימלס־קאָמאַנדע". מען האָט זיי טאַקע אָפּגעשיקט צום קרעמאַטאָריע אין הירשבערג גופא.

פון הירשבערג האָבן מיר ווייטער מאַרשירט. ס'איז געווען אַ שרעקלעכער ווענ, אַ שטורעם און אַ שניי אָן אויפהער. ביי אַ העלפט פון אונדז זיינען אויך געווען אָן שיך. נאַסע און אויסגעווייקטע זיינען מיר אָנגעקומען קיין רייכענאַו (Reichenau). מיין זון איז שוין דאָ געווען אין גאַנצן אויסגעשעפּט און איז אַנידערגעפאַלן. אַן אויפגעציטערטער האָב איך אים באַלד אַ כאַפּ געטאָן און געהאָלפן זיך אויפשטעלן. קלעפּ האָבן שוין דערפאַר ניט געפעלט, מען האָט מיך אַפילו געטראָטן מיט די פיס. איך האָב אָבער דאָס אַלץ אָנגענומען פאַר ליב. מיין זון איז פאָרט געבליבן לעבן מיר!

אין רייכענאַו זיינען מיר פאַרלאָדן געוואָרן אין אָפענע וואַגאָנעס (לאָרעס). זעקס טעג און זעקס נעכט זיינען מיר אום ווינטער געפאָרן אין אָפענעם דרויסן אָן אַ שטיקל ברויט און אָן אַ טראָפּן וואַסער. קיינער האָט זיך וועגן אונדז ניט געזאָרגט. פאַר דורשט האָבן פיל אורין געטרונקען. איינער, וואָס איז שוין געווען באַלד אויסגעגאַנגען פון הונגער, האָט אַפילו געפּרובירט אויסשניידן אַ שטיק פלייש פון אַ טויטער ברוסט און דאָס עסן. אָט צו וואָס פאַר אַ מצב די ס"ס־מאַנטשאַפט האָבן אונדז דערפירט! די טויטע קערפּערס אין די וואַגאָנעס האָבן געדינט פאַר צוקאָפּנס פאַר אונדזערע מידע קעפּ. אין יעדן וואַגאָן זיינען געווען אַזעלכע פון 20 ביז 30. ביז איצט פאַרשטיי איך נאָך אַלץ ניט, ווי אַזוי איך און מיין זון האָבן דאָס אַלץ אַדורכגעהאַלטן. 144 שעה אָן ברויט און אָן וואַסער אין די קאַלטע ווינטערנעכט אין אָפענע וואַגאָנעס!

נאָך דער גרויזאַמער רייזע זיינען מיר ענדע פעברואַר האַלב טויטע אָנגעקומען קיין בוכענוואַלד. כמעט ביי אַלעמען זיינען געווען אָפּגעפרוירן די פיס און אַנדערע גלידער. פיל זיינען געוואָרן לונגען־קראַנק, צווישן זיי אויך מיין זון. און דאָס אַלץ איז נאָך ניט קיין הונדערטל פון דעם, וואָס איך און מיין זון האָבן דורכגעלעבט.

מאָריץ קראַוס

[צ. ה. ק. 53/15]

# בּרעזנע

(גבית־עדות)

1941 ־עם ערשטן טאָג סוכּות האָבּן די דייטשן אין בּרעזנע בּיי ראָוינע (וואָלין) געשאַפן אַ געטאָ. די אַרבּעטס־פעיקע מענער, אַן ערך 1500 מאַן, האָבּן זיי אַרויסגעפירט אין אַן אַרבּעטס־לאַגער. די פרויען און קינדער זיינען געווען אין אַ בּאַזונדערן לאַגער אָדער געטאָ. ווי אַ קינד (דאַן 14 יאָר אַלט) בּין איך אויך געווען אין לאַגער, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט דראָט. יעדן טאָג קומען אַריין צו אונדז אוקראַינער, נעמען אַרויס די אַלע קינדער פון העכער 10 יאָר, און מיר מוזן אַרבּעטן בּיים שטראַסן־בּוי. פון 6 פרי בּיז נאָך מיטאָג 6 אַרבּעטן מיר שווער, מיר האַקן די שטיינער און פירן זאַמד. אונדזערע שומרים זיינען געווען אוקראַינער, וועלכע האָבּן אונדז סאַדיסטיש געפייניקט. ווען איינער פון אונדז וויל זיך אויף איין ווײַלע אָפּרוען פון דער אַרבּעט, וואָס איז אויך פאַר דערוואַקסענע געווען צו שווער, שלאָגט מען מכּות רצח. מיין שוועסטער האָט נאָך היינט דעם צייכן פון אַ גומי־שטעקן, וואָס אַן אוקראַינער האָט איר געמאַכט. ווינטער האָבּן מיר געאַרבּעט אין שטאָט, געשאַרט דעם שניי פון די גאַסן און אַפילו פאַר די פריוואַט־הייזער האָבּן מיר געראַרפט דעם שניי רומען.

דעם 25.IX.42 האָט מען צונויפגעזאַמלט אַלע יידן פון אַרבּעטס־לאַגער און אַריינגעפירט צו אונדז אין געטאָ. מען רופט אונדז אַלעמען אין די גרויסע גאַס פון געטאָ, מען שטעלט אונדז אין דריי גרופּעס. זיי האָבּן אָפּגעציילט 500 מענטשן: פרויען, קינדער און מענער; אויך איך בּין צווישן די. מען פירט אונדז הינטער דער שטאָט, וווּ עס זיינען שוין געווען גרויסע גריבּער, אויסגעגראָבּן דורך די אוקראַינער. מיט בּייטשן און מיט גומי־שטעקנס שלאָגט מען אונדז און מען טרייבּט אונדז אין די גריבּער. ווען מיר זיינען שוין אַלע געווען אין די גריבּער האָבּן די ס"ס ־ אָפיצערן אויסגעשריען: „פייער"! די אוקראַינער שיסן מיט מאַשין־געווער אויף אונדז. עס איז געוואָרן איין גרויס געשריי, און ווי איין מענטש האָבּן די אַלע 500 אויסגעשריען „שמע ישראל". אין יעדער ריכטונג, פונוואַנעט עס דערטראָגט זיך נאָך אַ קול, שיסן די בּאַנדיטן נאָך און נאָך. דעם שרעקלעכן און טראַגישן מאָמענט איז נים מעגלעך צו בּאַשרייבּן. איך ליג אין גרוב און מיין שוועסטער ליינט זיך אויף מיר, זי וויל מיך בּאַשיצן און אָפּהיטן פון די קוילן. צום גליק זיינען מיר נים פאַרוווּנדעט. אין איין ווײַלע, ווען מיר הערן שוין נים מער

דאָס געשריי פון די אומגעבראַכטע קרבנות (דאָרט אין גרוב איז אויך געווען מיין טאַטע און מאַמע) און עס נעמט הערשן אַ שטילקייט, רוימט מיר איין מיין שוועסטער, אַז איך זאָל נאָר ליגן שטיל, נים קרעכצן און נים הוסטן. אַזוי ליגן מיר דאָרט ביידע ווי די איבעריקע טויטע; מיר זעען און פילן נאָר בלוט און בלוט דאָס בלוט פון אונדזערע טייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער. מיר וואַרטן דאָרט אַן ערך אַ שעה און אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט קריכן מיר אַרויס. קיינער זעט אונדז נים. מיר לויפן צוריק אין געטאָ און דערציילן דאָרט וואָס עס איז געשען. אין דער נאַכט זיינען פיל אַנטלאָפן אין די וועלדער. אויך איך מיט מיין שוועסטער זיינען אַנט־לאָפן אין וואַלד און זיך אָנגעשלאָסן צו די פאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען דאָרט געווען אַן ערך 200.

איין טאָג באַקומען מיר אַ לופט־אָנגריף פון די דייטשן און מיר צע־לויפן זיך. מיין שוועסטער ווערט פון מיר אָפגעריסן. צוזאַמען מיט נאָך קינ־דער האָב איך געוואַנדערט פון איין וואַלד אין אַנדערן. לעבן אונדזער שטעטל ברעזנע זיינען מיר דורך די רוסן ענדע 1944 באַפרייט געוואָרן.

מלכה ביעלינסקי

אויפגענומען אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע פּאָקינג [צ.ה.ק. 325/226]


# צו אונדזערע אַבאָנענטן!

מיר בעטן גלייך איבערצושיקן דעם באַטרעף פאַרן נומער 3 „פון לעצטן חורבן“, ווי אויך דעם חוב פאַר די פריערדיקע נומערן. דערמיט וועט איר דערמעגלעכן די וויטערדיקע דערשיינונג פון אונדזער איינציקן היסטאָרישן זשורנאַל.

אַדמיניסטראַציע

# אין בודאפשט

(גבית־עדות)

דעם 24־טן נאָוועמבער 1944 האָט די אונגאַרישע פּאָליצײ צוזאַמענגענומען די יידן פון בודאַפּעשט, האָט זײ פאַרלאָדן צו 75 מאַן אין פאַרשלאָסענע וואַגאָנעס און זײ אָפּגעשיקט קיין ווין. מיר און נאָך 5 מאַן איז געלונגען ארויסצושפּרינגען דורכן פענסטער. איך בין צוריקגעקומען קיין בודאַפּעשט. ווו די איבעריקע 5 מאַן זיינען געבליבן, איז מיר אומבאַקאַנט.

איך האָב צופעליק געטראָפן אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט מיר פאַרטרויט, אַז אין בודאַפּעשט איז טעטיק אַ געהיימע אונטערערדישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע אַרבעטן אין דער געשטאַפּאָ און רעגירונגס־פּאָליצײ און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי די מעגלעכקייט מיט דער הילף פון פאַלשע דאָקומענטן און שטעמפּלען צו ראַטעווען יידן. מיין באַקאַנטע האָט מיר אָנגעגעבן דעם אַדרעס. איך בין גלייך אהין אוועק און מען האָט מיך אָנגענומען אין דער אָרגאַניזאַציע. איין מיטגליד פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע געדענק איך נאָך ביים נאָמען. דאָס איז ישראל מאָשקאָוויטש פון בודאַפּעשט, הינגאַריאַ 68.

דעם 5.XII.44 בין איך מיט נאָך 3 יידן אריינגעפאַלן ביי די נאַציס. מען האָט אונדז אָפּגעפירט צו דער געשטאַפּאָ אויף שוואַבענבערג. דאָרט האָבן מיר געטראָפן נאָך 120 יידן, צווישן וועלכע איך האָב דערקענט אַ סך פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע. מען האָט אונדז געשלאָגן אויפן הוילן לייב. פאַרן גאַנצן טאָג פלעגן מיר באַקומען 2 מאָל צו בּיסלעך וואַסער־זופּ. דאָס האָט אָנגעהאַלטן 3 טעג. דאַן האָט אונדז די געשטאַפּאָ איבערגעגעבן צו די אונגאַרישע „נילאשים". מען האָט אונדז איבערגעפירט אויף וואַרטוש מייער שטר. נר. 37, ווו מיר זיינען געזעסן ביז אויפדערנאַכט. ביינאַכט האָט מען אונדז געהייסן ארויסגיין צו 2 מאַן, אינגאַנצן נאַקעט. יעדער פּאָר האָט מען געבונדן די הענט איינעם צום צווייטן און אָנגעהויבן שלאָגן ביז מיר האָבן פאַרלאָרן דאָס באַוווסטזיין. ווען מיר זיינען געקומען צו זיך, האָט מען אונדז, אַ גרופּע פון 8 פּאָר, געשלאָסן אוועקגעפירט צו דער „דאָניי־קעטען־בריק" און גענומען אַלעמען וואַרפן אין וואַסער. ווען עס איז געקומען מיין ריי, האָב איך דערקלערט דעם פּאָליציסט, אַז אויב ער וועט מיך נישט וואַרפן אין וואַסער, וועל איך אים איבערגעבן אַ ליסטע פון 50 פאַרברעכער.

דער פאָליציסט האָט איינגעשטימט און מיך צוריקגעפירט. פאַרנאַכט איז
געקומען איינער פון דער געשטאַפּאָ. די „גילאשים" האָבן אים איבערגעגעבן
פון זייער אַרבעט פאַר דעם גאַנצן טאָג און האָבן דערביי דערמאָנט מיין
נאָמען און די סיבה, צוליב וועלכער זיי האָבן מיך געלאָזט לעבן. דער
געשטאַפּאָ־מאַן האָט מיך געוואָלט גלייך דערשיסן, ווייל לעבעדיקע יידן
דאַרף מען פון וואַסער ניט צוריקפירענגען. די „גילאשים" האָבן אים
דערקלערט, אַז מען קען מיך דערשיסן נאָכדעם, ווי איך וועל שוין האָבן
ארויסגעגעבן די 50 פאַרברעכער. דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אויף דעם
איינגעשטימט. זיי האָבן אָנגעהויבן פאָדערן פון מיר די אַדרעסן און דערביי
מיר געוואָרנט, אַז אויב די ידיעות וועלן זיין פאַלשע, וועלן זיי מיך ניט
שיסן, נאָר שניידן פון מיר שטיקער. ניט וויסנדיק, וואָס זיי צו זאָגן, האָב
איך זיי אָנגעגעבן 6 אַדרעסן פון הויז־וועכטער, וועלכע זיינען שוין לאַנג
אויף דער וועלט נישט געווען. זיי האָבן פון מיר געפאָדערט נאָך 44 אַדרעסן.
איך האָב אָבער מער קיין נעמען ניט געקענט אָנגעבן. דאַן האָבן זיי מיר
אָנגעהויבן שלאָגן ביז איך בין געפאַלן אָן באַוווסטזיין. דאָס דערשיסן מיך
האָט מען אָפּגעלייגט ביז מאָרגן. אויף מאָרגן האָט מען געבראַכט נאָך 2
יידן, מען האָט זיי געשלאָגן ביז איינער איז געפאַלן טייט אויפן אָרט.

דעמזעלבן טאָג, ד.ה. 10.12.44 האָבן די „גילאשים" געמאַכט אַ
הוליאַנקע אין דעמזעלבן הויז, וווּ איך בין געזעסן. אויסנוצדיק זייער שיכורן
צושטאַנד, בין איך אַראָפּ אין קעלער פון דעם הויז. ביינאַכט בין איך דורך
אַ פענסטער פון קעלער ארויס אויף דער גאַס. איך בין געווען אינגאַנצן
נאַקעט און ניט געוווּסט וווּ זיך צו באַהאַלטן. צופעליק בין איך אריין אין
אַ הויז, וווּ עס האָט געלעבט אַ ייד אויף אַרישע פאַפּירן. דאָס איז געווען
חיים שלמה פרידמאַן פון קראָקע. דערדאָזיקער ייד האָט מיך גלייך אָפּגעפירט
צו אַ צווייטער יידישער פאַמיליע, וועלכע האָט אויך געלעבט אויף אַרישע
פאַפּירן. דאָרט האָב איך באַקומען זיך אָנצוטאָן, אָפּצועסן און כ'האָב זיך
אויסגערוט פון דער גאַנצער איבערלעבעניש. צומאָרגנס האָט דער אויבנדער־
מאָנטער פרידמאַן מיר געבראַכט אַרישע פאַפּירן. ער האָט מיך גענומען צו
זיך אַהיים, וווּ איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן ביז דער באַפרייאונג.

דער ייד חיים שלמה פרידמאַן לעבט און געפינט זיך איצט (זומער
1946) אין מינכען, אין לאַגער ניי־פריימאַן. קיינמאָל אין לעבן וועל איך
אים ניט פאַרגעסן!

אלימלך ווידער

אויפגענומען אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע ניי־פריימאַן
(צ.ה.ק. 258/107)

# אין די פּאַלעסיער וועלדער

אריינפּאַלנדיק אין קאָוועל (וואָלין) אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן מיר פון אָנפאַנגס אָן ניט אָפּגעלאָזט די געדאַנקען וועגן זיך אַרויסדרייען פון זייערע הענט.

איינמאָל, דעם 7.7.1941, ווען איך בין געגאַנגען איבער קאָוועלער גאַסן אָנקוקן, ווי די רוסישע געפאַנגענע אַרבעטן אונטער דער אויפזיכט פון די ס"ס ביי די צעשטערטע מויערן, האָט מיך אַ דייטש פאַרהאַלטן. ווייל איך האָב פאַר אים דאָס היטל ניט אַרונטערגענומען. נאָך די צוויי געלע לאַטעס, וועלכע איך האָב געטראָגן פון הינטן און פאָרנט, האָט ער געזען אַז איך בין אַ ייד. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב אים ניט באַמערקט. דער דייטש האָט ניט לאַנג געקלערט און מיר דערלאַנגט מיט דער נאַנייקע איבערן האַלדז, אַז איך האָב זיך באַלד באַגאָסן מיט בלוט. אַן אויפגערעקטער בין איך געקומען אין שטוב, זיך געמאַכט אַ פּעקעלע עסן, אַרונטערגעריסן פון זיך די געלע לאַטעס און געלאָזט זיך ווו די אויגן טראָגן. דער ציל מיינער איז געווען טשיערניאַן, בריסקער קאַנט. איך בין געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אַליין מיטן בריסקער שאָסיי. מיט זיך האָב איך געהאַט אַ מעסער אויף צו פאַרטיידיקן זיך. איך בין פאַרביי־געגאַנגען אַ דאָרף זאַמשאַן. אַנטקעגן איז מיר געקומען אַן אַלטער גוי. איך האָב אים געפרעגט, וווּ וווינען דאָ יידן. זאָגט מיר דער גוי, אַז די יידן האָט מען שוין לאַנג אַרויסגעפירט אין בריסקער געטאָ. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ ייד, האָט ער מיר געהייסן גיך אַנטלויפן, ווייל די אוקראַינישע פּאָליציי וועט מיך דערהרגענען. איך האָב לאַנג ניט געקלערט און גענומען ציע פיס, אַז קיין פערד זאָלט מיך ניט דעריאָגט. איך בין דערגאַנגען צו דעם קרייץ־וועג בריסק־קאָוועל און טשיערנאַן־מאַלאריטע. איך האָב זיך גענומען אויף טשיערניאַוויסנדיק אַז דאָרט זיינען די וועלדער גרויסע; אפשר וועל איך דאָרט קענען געפינען אַ רגאיקע באַהעלטעניש.

דער זייגער איז 10 ביינאַכט. איך גיי אַריין אין דאָרף טשיערניאַן. פינצטער דאָרט, נאָר איינצלנע לעמפּעלעך ברענען. איך גיי אַריין אין אַ קריסטלעכער שטוב און פרעג, וווּ וווינען דאָ יידן. מען קוקט מיך אָן פון קאָפּ ביז די פיס און מען ענטפערט מיר מיט אַ געלעכטער: „דאָ אַנטקעגן, די דריטע שטוב". איך קלאַפּ אָן, עפן די טיר. איך זאָג: „אַ גוטנאָוונט, יידן!" מען ענטפערט מיר: „גוט יאָר!" ביים טיש זיצן דער אַלטער שמיד מיט דעם

ווייב, דער זון און די שנור. מען טרינקט טיי. דער שמיד דערציילט מיר, אַז דאָ האָט מען שוין אויסגעהרגעט אַלע יידן. זיין פאַמיליע האָט מען געלאָזן לעבן, ווייל ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה און קען צו נוץ קומען די דייטשן. דער אַלטער פרעגט מיך, צי איך בין אַ ייד, ווייל מיין אויסזען איז ניט ענלעך אויף אַזאַ. „זיכער בין איך אַ ייד", האָב איך אים געענטפערט. ער האָט לאַנג געקוקט אויף מיר. איך האָב באַמערקט, ווי דער זון איז אַרויס דורך דער טיר. איך האָב עס ניט גענומען אין אַכט. עס דויערט ניט לאַנג און אין שטוב קומט אַריין צוריק דער זון מיט 2 אוקראַינער פּאָליציסטן און קאָמענדאַנט. „אָט דער איז איצט צו אונדז געקומען, מיר ווייסן ניט ווער ער איז", ווייזט אָן אויף מיר דער זון.

דער קאָמענדאַנט אַרעסטירט מיך און פירט מיך אָפּ אין פּאָליציי־אַמט. דאָרט באַזוכט מען מיך פון קאָפּ ביז די פיס. ווי דער קאָמענדאַנט דערזעט פון מיינע דאָקומענטן, אַז איך בין אַ ייד, ווערט אים ליכטיק אין די אויגן. מיר גופא דערלאַנגט ער באַלד אַ פּאַטש און טוט אַ זאָג: „איצט האָבן מיר אַ פּטאַשעק (פויגל), אין דער פרי פירן מיר דיך אָפּ צו דער געשטאַפּאָ קיין קאָברין". ער האָט מיך ווייטער רעווידירט און געפונען דעם מעסער אין שטיוול. ער קוקט מיך אָן און זאָגט: „וואָס, דו ביסט אַ מערדער?" ער וואַרפט מיך אַריין אין אַ שמאָל קעמערל און זאָגט: „דו האָסט נאָך צו לעבן ביז מאָרגן!"

די נאַכט ציט זיך. איך ליג אין קעמערל, קען ניט איינשלאָפן. איך צייל שוין די שעהן, ווי לאַנג איך האָב נאָך צו לעבן. דערווייל הער איך ווי עס פאָרט אָן אַ פור און שטעלט זיך אָפּ. דאָס איז דער פורמאַן, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט באַשטעלט צו פאָרן קיין קאָברין מיט מיר. 6 אַ זייגער אין דער פרי שליסט מען אויף די טיר, דער וואַכמאַן נעמט מיך אַריין אין דינסטלעכן צימער. איך זע, אַז דער קאָמענדאַנט איז שוין גרייט צו פאָרן. ער האָט מיר געהייסן מיטגיין. מיט זיך ביי דער זייט האָט ער געטראָגן אַ רעוואָלווער. איך זעץ זיך אויף, דער קאָמענדאַנט לעבן מיר, דער פורמאַן טרייבט אָן די פערד. אָפּגעפאָרן 7 ק"מ פאָרט אונדז אַנטקעגן אָן אַ פור אָנגעלאָדן מיט האָלץ. דער קאָמענדאַנט פאַרהאַלט די פור און פרעגט דעם גוי, צי ער האָט אַ דערלויבעניש פון וואַלד־וועכטער. דער גוי האָט אָבער ניט. דער קאָמענדאַנט הייסט אים זיך אומקערן און פאָרן מיט אים. מען פאָרט צו צו אַ הייזל. דער קאָמענדאַנט באַפוילט מיר מיטן גוי פון פור אַריינגיין אין שטוב. דער גוי זיפצט זיך אָפּ פון האַרצן: „פּאַניע קאָמענדאַנטשיע"... „וויפּיִם" (לאָמיר טרינקען). ענטפערט דער קאָמענדאַנט. „דאַוואַי". איז צופרידן דער פויער. מען נעמט טרינקען. מען טרינקט, מען טרינקט, דער קאָמענדאַנט לאָזט פון מיר ניט אַראָפּ די אויגן. מען טרינקט אָבער אַזוי

לאַנג ביז וואַנען די אויגן ווערן אים שוין אין גאַנצן פאַרגאָסן און מען ליגט שוין אויף דער ערד. איך בין שוין ווי פאַרגעסן...

ניט געטראַכט, נעם איך זיך צו דער אַרבעט. איך גיי צו גלייך צום קאָמענדאַנט, שפּילע אים אָפּ דעם פּאַס מיטן רעוואָלווער און איצט – בין איך באַלעבאָס! דער גוי פון שטוב, ביי וועלכן מיר זיינען, וויים גאָרניט ווער און וואָס איך בין. איך גיי ארויס אין דרויסן און היים דעם פורמאַן אויפהויבן די הענט אין יער הויך. איך זעץ זיך אויף דער פור און – הײדא אין די קאַבּרינער וועלדער.

אין וואַלד לאָז איך שטיין די פערד ביי אַ בוים. איך לאָז זיך גיין אַלץ טיפער. איך בין אָבער הונגעריק און פאַרקערעווע זיך אין אַ כוטאָר (הייזל). דאָ עס איך אָפּ און גיי ווייטער. קיין מורא האָב איך שוין נישט. איך האָב דאָך דעם נאַגאַן, וואָס איך האָב צוגענומען פון קאָמענדאַנט. איך בין אזוי געגאַנגען פון וואַלד צו וואַלד ביז איך בין פאַרגאַנגען אין דאַכ־לאַווער וועלדער. דאָ האָב איך אָנגעטראָפן 2 רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון דער דייטשער געפענגעניש און וואַנדערן אזוי אין וואַלד. מיר האָבן זיך צוזאַמענגערעדט און אָנגעהויבן לעבן צוזאַמען. עסן, שלאָפן – אַלץ צוזאַמען, אזוי ווי ברידער פון יאָרן לאַנג.

עס לויפן פאַרביי טעג. זיי ווייסן ניט, אַז איך בין אַ ייד. רוסיש קען איך גוט ריידן. מיר האָבן אָנגעהויבן קלערן, אַז מען וואָלט געדאַרפט שאַפן געווער פאַר די צוויי חברה. מיר האָבן באַשלאָסן צו באַפאַלן די דייטשע וואַך, וועלכע גייען ארום צו צוויי אויפן הילצערנעם בריק פון שאָסיי קאָברין־מינסק. צוויי ביינאַכט זיינען מיר אַוועק. מיר האָבן זיך צוגעשאַרט צום בריק. צוויי דייטשן שטייען וואַך און רויכערן זיך ציגאַרעטן. די ביקסן האַלטן זיי איבער די פּלייצעס און שמועסן זיך. ניט לאַנג געקלערט, איך מיטן נאַגאַן, די צוויי רוסן מיט מעסערס טאַנצן ארויף אויף זיי און מען כאַפּט זיי ביי די העלדזער און קוילעט זיי ווי די גענדזולעך. שנעל און אָן טומל נעמען מיר ארונטער פון זיי די ביקסן און גייען זיך אַוועק מיט אונדזער וועג, אין די דאכלעווער וועלדער. איצט לאַכן מיר שוין פון דער וועלט; מיר זיינען שוין אַלע באַוואָפנט. טיף אין וואַלד האָבן מיר זיך אויסגעגראָבן אַן ערד־בודע און זיך גענומען צוגרייטן אַ רעזערוו עסן אויפן ווינטער, כדי ניט צו דאַרפן קריכן איבערן שניי און לאָזן שפורן צו אונדזער וווינונג. כמעט יעדן טאָג פלעגן מיר אין די וועלדער אַלץ באַגעגענען אַנטלאָפענע מענטשן, וועלכע האָבן אויך געזוכט פּאַרטיזאַנער! מיר האָבן אַלעמען צוגענומען צו אונדזער משפחה, זוער נאָר עס האָט געוואָלט קעמפן קעגן דייטש. אויך יידן האָבן מיר געטראָפן, אָפּט אויך באָרוועס, נאַקעט, הונגעריק, אַנטלויפנדיק פון געטאָ מיט אַ געוויין: „מיר ווילן זיין פּאַרטיזאַנער!"

מיר האָבן זיך צו ביסלעך איינגעשאַפט געווער. מיר זיינען געוואָרן אַן

אמת־קע קאַמפּס־גרופּע פון פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן אויסגעוויילט צווישן זיך אַ פירער, וואָס יעדער איינער מוז אים האָרכן. מיר האָבן אָנגעהויבן עפּעס אויפטאָן. אונזער טעטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דעם וועג קאָבריו־פינסק. מיר האָבן דורכגעפירט אָנפאַלן אויף דייטשע אויטאָס, מיר האָבן דעמאָלירט פּאָליציי־אַמטן, פאַרבּרענט בריקן, אויפגעריסן אייזנבאַנען. ניט איין מאָל פלעגן מיר בראָדזשענען ביזן האַלדז איבער די בלאָטעס, כדי אויסצומיידן די פויערשע הערפער. די האָבן נאָך געקענט אונדז איבערגעבן אין די דייטשע הענט, ווייל זיי האָבן נאָך דאַן ניט פאַרשטאַנען וואָס אזוינס איז אַ פּאַרטיזאַן.

אזוי האָט זיך געצויגן ביז 1943. מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט נאָך אַזעלכע קאַמפּס־גרופּעס (אָטריאַדן) ווי מיר. מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט גאַנצע בריגאַדעס און זיך פאַרנומען אַרבעטן אין גרויסן מאַש אַב. מען האָט זיך אויך פאַרבונדן מיט מאָסקווע און דאָס האָט אונדז געגעבן אַ גרויסע הילף. ביינאַכט פלעגט מען אונדז אַרונטערוואַרפן געווער, עסן. מענטשן אויף פּאַראַשוטן פלעגן זיך אַראָפּלאָזן און אונדז געבן די נויטיקע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי מיר דאַרפן אַרבעטן. פאַר די פאַרוווּנדעטע האָבן מיר געהאַט אַן אייגענעם שפּיטאָל אין וואַלד מיט אייגענע דאָקטוירים און מעדיקאַמענטן. די שווער־פאַרוווּנדעטע פלעגט מען אָפּפירן מיטן אַעראָפּלאַן קיין מאָסקווע. כאָטש אונדזער לעבן איז געווען איינגעשטעלט יעדע מינוט, דאָך איז עס געווען אַ פריילעכס. צו אדורכפירן די באַפעלן פלעגט מען גיין פריילעך און מיט געזאַנג. אַ טאָג אָן עטלעכע אוועקגעהרגעטע דייטשן איז פאַר אונדז געווען אַ פאַרשטערטער. מיר האָבן אויך געהאַט אַן אייגענע ענגע גרופּע („דרוזשינע") פון 12 יידן. געקעמפט האָבן מיר אויך ניט ערגער ווי די רוסן, אפשר נאָך אַ ביסל שטאַרקער. אונדז איז דאָך שוין אַלץ איינס געווען: מיר האָבן שוין אלץ פאַרלאָרן. דערפאַר איז אונדזער קאַמף טאַקע געווען פאַרביסן. געווען זיינען אויך ביי אונדז יידן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט. ווי דער חבר פון קאָברין. ברוך קאנציפער, בערעלע יאַפּאָנטשיק. און אויך דער שרייבער פון די שורות.

צוגעשטעלט דורך דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין ליפהיים (צ.ה.ק. 541/474)

**שמואל פראוודע**
געבוירן אין אָסטראָוו־מאַז.
מיטגליד פון פתח־ת

## פון דער סעריע
## קינדער־ארבעטן:

# „מיינע איבערלעבונגען בעת דער מלחמה" *)

מיינע עלטערן האָבן געהייסן: דער פאָטער אברהם, די מוטער עטל, געבאָרענע לערער. איך בין געבאָרן געוואָרן אין שטאָט פאָדהאַיצע ביי טאַרנאָפאָל דעם 25. 6. 1932. דורך דעם אויסברוך פון וועלט־קריג האָב איך מער ניט געקענט ענדיקן ווי 3 קלאַסן, 2 אוקראַאינישע און איין יידיש. אַז אין 1939 יאָר זיינען צו אונדז געקומען די רוסן האָבן מיר זיך איבערגעקליבן אין דער שטאָט מיקולינצע. דאָרט האָבן מיר געוווינט ביז די דייטשן זיינען צו אונדז געקומען. די דייטשן זיינען צו אונדז געקומען דעם 4־טן יולי 1941 און דעם 8־טן יולי האָבן די דייטשן געהרגעט מיין מוטער. נאָך דעם טויט פון מיין מוטער האָבן מיר אַ קורצערע צייט געוווינט ביי אונדזערע גוטע באַקאַנטע און דאַן זיינען מיר צוריקגעפאָרן אין אונדזער שטאָט. אַז מיר זיינען געקומען האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן שוין געשאַפן אַ יודענראַט, וועלכער דאַרף זיין דער פאַרבינדונגס־אָרגאַן צווישן זיי און די יידן. די מענטשן פון שטאָט האָבן געצוווּנגען דעם פאָטער אַריינצוגיין אין יודענראַט. זיי האָבן געשאַפן יידישע פּאָליציי, וועלכע האָט געהייסן: „אָרדנונגס־דינסט". דער אָרדענונגס־דינסט איז ניט איין מאָל אויסגענוצט געוואָרן אַלס ווילנלאָזער אינסטרומענט דורך די דייטשן צו דורכפירן פאַרשיידענע גרוילטאַטן קעגן די יידן. עס איז אָנגעקומען דער אַזוי גערופענער פער־אָד פון אַזוי גערופענע „לאַפּאַנקעס" (כאַפּעניש) אין וועלכע דעם גרעסטן אָנטייל האָבן גענומען די אוקראַאינישע פּאָליציי און פאָלקס־דייטשן (פאָליאַקן). די מענער זיינען געווען אין געפאַר. מען האָט געבויט באַהעלטעניש. יום־כיפור פרי דעם 21. 9. 1942 זיינען צו אונדז געקומען די געשטאַפּאָ און ס"ס־מענער און זיי האָבן געמאַכט אַ פּאָגראָם. אין דער לעצטער מינוט האָב איך געזעען

---

*) די אַרבעטן פון אָט דער סעריע ווערן געגעבן נאָך מיט די גאָר נויטיקסטע שפּראַך־אויסבעסערונגען.
רעד.

אַ קוק אין פענצטער, וועלכער איז געווען פון פאָרנט, און איך האָב דערזען אַן ס"ס־מאַן מיט זיין ביקס אויפן אַקסל און היט שוין אַ צוזאַמענגענומענע גרופע מענטשן. פון די זייטן זיינען אַרומגעגאַנגען צוויי ס"ס־מענער מיט רעוואָלווערן אין די הענט. תיכף בין איך אַריין אין בונקער. דער פּאָגראָם האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג ביי וועלכן עס זיינען אומגעקומען 1.500 פּערזאָן. מיר האָבן זיך געשטיקט אין בונקער אַ גאַנצן טאָג אָן וואַסער און אָן לופט. פאַרנאַכט זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען פון בונקער. די שטאָט איז געווען וויסט, די מענטשן האָט מען אַוועקגעפירט קיין בעלזשעץ. דאָס לעבן איז געגאַנגען ווייטער נאָר מיט דעם אונטערשייד, אַז עס זיינען געבליבן פאַריתומטע קינדער. דעם 30. X. 1942 איז געווען דער צווייטער פּאָגראָם אין אונדזער שטאָט. דעם טאָג זיינען אומגעבראַכט געוואָרן 1.500 יידן. צווישן די 1.500 פּערזאָן איז געווען מיין פאָטער. נאָך דעם פּאָגראָם זיינען מיר געווען ביי אונדזער פעטער.

נאָך דעם צווייטן פּאָגראָם האָבן די דייטשן צוזאַמענגענומען די מענטשן פון דער געגנט און געשאַפן ביי אונדז אין שטאָט אַ געטאָ. אַ שרעקלעכע נויט איז געווען אין געטאָ. 10 פּערזאָן האָבן געוווינט אין אַ קליינעם צימער. עס האָט זיך פאַרשפּרייט טיפוס, אויף וואָס מיין ברודער איז אויך געווען קראַנק. דאָס גאַנצע געטאָ איז געווען אַרומגענומען מיט אַ פּאַנישן שרעק.[1] נאַכט און נאַכט פלעגן די מענטשן שטיין ביים פענצטער און אַרויסקוקן צו עס קומען נית אָן ווידער אַ מאָל די דייטשישע מערדער.

דעם 17. 4. 1943 ביינאַכט בין איך צוזאַמען מיט מיין ברודער און פעטער אַרויס פון געטאָ און געגאַנגען זיך באַהאַלטן צו אַ גוי. די ערשטע צייט איז אונדז דאָרט געווען גוט, נאָר שפּעטער האָט זיך פאַרערגערט. דער גוי האָט אונדז באַזאָרגט מיט צייטונגען. מיר האָבן געלייענט אַז די רויטע אַרמיי גייט פאָרויס. מיר האָבן אָנגעהויבן צו האָבן האָפענונג. דעם 6. 6. 1943 פרי איז דער גוי צו אונדז געקומען און געזאָגט, אַז דאָס געטאָ איז באַלאַגערט. עס איז פאָרגעקומען דער לעצטער פאַרניכטונגס־פּאָגראָם. די דייטשן האָבן צוזאַמענגענומען די מענטשן, אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט און אויסגעשאָסן. דעם רעשט מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי דאַרפן ניטנעמען מיט זיך די וויכטיקסטע זאַכן און זיי ווערן איבערגעפירט קיין טאַרנאָפּאָל אין געטאָ[2] אַז זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען הינטער דער שטאָט זיינען פון דער תבואה אַרויסגעשפּרונגען געשטאַפּאָ,

[1]) ווי באַקאַנט, פלעגן די דייטשן ביי עפּידעמיעס אומברענגען דאָס גאַנצע געטאָ. ר ע ד.

[2]) כדי צו אַריינגאַרן די אויסבאַהאַלטענע יידן פלעגט די געשטאַפּאָ נאָך די גרעסערע אַקציעס פּייערלעך מעלדן, אַז מער וועלן שוין קיין אַקציעס נית פאָרקומען, און די יידן, וועלכע וועלן זיך אַליין מעלדן, וועלן נאָר געשיקט ווערן אויף אַרבעט. זע „פון לעצטן חורבן" נר. 2, „נאַציש ערגוואָרט". ר ע ד.

דאָרט זיינען געווען צוגעגרייט גריבער און די מענטשן האָט מען אויסגעשאָסן. די שטאָט איז געוואָרן „יודן־פריי". די שטיבלעך האָט מען אָנגעהויבן צו ברעכן און צו ראַבעווען. מיר האָבן געלאָזט אַ טרער און ווייטער געלעבט מיט האָפענונג. די רויטע אַרמיי איז געגאַנגען פאָרויס. עס איז גענומען געוואָרן שטאָט נאָך שטאָט. זייערע אָפּטיילונגען האָבן שוין געקעמפט אין טאַרנאָפּאָל, 70 ק"לאָמעטער פון אונדז. דער גוי האָט אונדז געוואָלט אַרויס־געבן די דייטשע מערדער. אָבער די רויטע זיינען שוין געווען אין אונדזער שטאָט, האָט ער אונדז געלאָזן לעבן. ענדלעך איז געקומען די ליכטיקע שעה. די רויטע פאָרפּאָסטנס זיינען געווען אין אונדזער שטאָט. דאָס איז געווען 28. 3. 1944. נאָך 52 וואָכן פאַרשפאַרט זיין אין קעלער זיינען מיר צום ערשטן מאָל אַרויס פון דער פינצטערער גרוב און אַריינגעזאַפּט מיט אונדזערע דור־שטיקע לונגען די לופט, וועלכע האָט אונדז ווי פאַרשיכורט מיט איר פרייש־קייט און אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זיינען ענדלעך פריי. באַצאָלנדיק פאַר דעם מיט דעם נאָמען צו זיין איינער פון די ווינציק איבערגעבליבענע יתומים פון פּויליש ייִדנטום.

ארי ה מילך.

צוגעשטעלט פון דער פאַכשול אין אַשאַו.
(צ. ה. ק. 301/159)

## זינג אוים און פּאראייביג דיין געטא!

קום אין צ. ה. ק. און גיב איבער אויף פּאַטעפאָן - פּלאַטן די געטאָ־ און קאַצעט־לידער, וואָס דו קענסט. 7 מינוט דויערט עס.

■

איבער אַ וועלט וועלן די פּלאַטן דעמאָנסטרירט ווערן. די ייוואָ־אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק וואַרט אויף זיי. —

■

מער פון אַלץ פאַרדינט עס נאָך דער כבוד און אָנדענק פון דיין געטאָ! קום, לאָז זיך ניט בעטן!

■

אונדזער אַדרעס:

Central Historical Commission at the Central Committee of Liberated Jews in the American Zone of Occupation in Germany, Munich, Möhlstr. 12a.

# פאָלקלאָר

## ווערטלעך פון לאָדזשער געטאָ

איבערגעגעבן פון י. ראָזענבוים (לאָדזש—מינכען). באַאַרבעט - מ. י. פייגענבוים.

לאָדזש, די צווייטע גרעסטע יידישע קהילה אין פוילן, איז שוין אין פרילינג 1940 געוואָרן פאַרשפאַרט אין אַ געטאָ מיט מרדכי חיים רומקאָווסקי אַלס געטאָ־עלטסטער. דאָס געטאָ איז געווען אַ מלוכה פאַר זיך; מיט אייגן געלט, צייטונג, פּאָליציסטן, פייערלעשער א.אַ.וו. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז געוואָרן איינגעשפּאַנט צו דער אַרבעט אין די אַזוי גערופענע „רעסאָרטן". ניט קוקנדיק אויף דער אָנגעשטרענגטער מיה איז דער הונגער אין געטאָ געווען אומבאַשרייבלעך. דער לאָדזשער געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן אין מאָנאַט אויגוסט 1944.

דאָ ווערן געבראַכט איניקע ווערטלעך פון לעבן אין געטאָ.

<u>דריי חיים'ס.</u> אין געטאָ פלעגט מען זיך וויצלען: דריי חיים'ס קענען מיר. איינעם — חיים ווייצמאַן, וואָס פירט די יידן קיין ארץ־ישראל. דעם צווייטן — מרדכי חיים רומקאָווסקי, וואָס האָט די לאָדזשער יידן אַריינגעפירט אין געטאָ. און אַ דריטן — חיים פּאַטשאָרקאָווסקי (פון דער טויטן־עגלה), וואָס פירט די יידן אויפן בית־הקברות.

<u>די הילף אונטער דער פלייצע. דער טויט פאַר דער נאָז.</u> מיטן דערנענטערן זיך פון מזרח־פראָנט פלעגן די געטאָ־אָפּטימיסטן טרייסטן, אַז די ישועה איז שוין גאָר נאָענט. די פּעסימיסטן פלעגן אָבער זאָגן: „די הילף איז הינטער דער פלייצע, און דער טויט — פאַר דער נאָז"...

<u>מרדכי חיים — אַ קיסר.</u> לצים פלעגן דערציילן, אַז זיי האָבן געהערט ווי רומקאָווסקי איז געשטאַנען ביי זיין פרוים קבר און גערופן: „אידאַ, אידאַ! שטיי אויף און זע ווי דיין מרדכי־חיים איז אַ קיסר"...

<u>טשאָלנט אום יום כיפור אויפן קאַשטשיאָל־אַלטאַר.</u> דער קאָשטשיאָל אויף קאָשטשיעלנע גאַס איז געווען איינגעשלאָסן אין געטאָ. דאָרט האָט זיך געפונען דער „פעדערן־רעסאָרט". אַהין פלעגט מען ברענגען דאָס בעטגעוואַנט פון די „אויסגעזידלטע" יידן, צונויפנעמען און עקספעדירן זיי קיין דייטש־

לאַנד. אַמאָל פלעגט מען אום שבת באַקומען אין די „רעסאָרטן" טשאָלנט אויף מ׳מאַג. האָט זיך געמאַכט, אַז יום־כּיפּור א׳ז אויסגעפאַלן אום שבת, און די אַרבעטער אין קאַשטש׳אַל האָבן באַקומען צום מיטאָג טשאָלנט, וועלכן זיי האָבן געגעסן ז׳צנדיק אויפן אַלטאַר אין קאַשטש׳אַל. יידן האָבן זיך דער׳בער געוויצלט: שטעלט א׳יך פאַר וואָס פאַר אַ צ׳יטן מ׳ר האָבן דערלעבט, אַז יידן עסן יום־כּיפּור טשאָלנט אויפן אַלטאַר אין קאַשטש׳אַל...

דאָס געטעלע קלאַפּט. ב׳ים שאַפן דעם געטאָ האָט זיך רומקאָווסקי אויסגעדר׳קט: „א׳ן דריי יאָר אַרום וועט דאָס געטעלע קלאַפּן ווי אַ זייגערל". האָבן די יידן זיך געוויצלט: „נאָך פאַר די דריי יאָר קלאַפּט דאָס געטעלע — מיט די טרעפּעס (האָלצשוך)".

פאַרגעסן דעם בית־עולם. רומקאָווסקי האָט אַמאָל אויסגערעכנט אַלע זיינע רעסאָרטן, פאַבריקן און וואַרשטאַטן. האָט איינער געמאַכט אַ צווישנרוף: „א׳ר האָט פאַרגעסן דעם בית־עולם"...

ווען שלאָפן זיי? רומקאָיוסקי האָט פאַר יידן גערעדט וועגן די פייער־לעשער אין געטאָ: „זיי אַרבעטן ביי טאָג און ב׳ינאַכט!" האָט ער זיי אַריינ־געלויבט. „טאָ ווען שלאָפן זי׳י". האָט אַ ייד א׳ם איבערגעהאַקט. „ווען עס ברענט", א׳ז באַלד געקומען אַן ענטפער פון אַ צווייטן.

אַ ש׳ין עסק. אַ גאַנץ לאַנגע צ׳יט האָט דאָס געטאָ נ׳ט באַקומען קיין שום פּראָדוקטן צום עסן. עסיק פלעגט מען אָבער באַקומען לרוב. האָבן יידן דערצ׳ילט וואָס דאָ א׳ז פאָרגעקומען. רומקאָווסקי האָט פאַרלאַנגט פון די נאַצ׳ים לעבנסמ׳טל פאַרן געטאָ. וואָס פאַר אַן אַרטיקל ער האָט אויסגע־רעכנט, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן נ׳ט. פאַר פאַרצווייפלונג האָט רומקאָווסי זיך געקראַצט א׳ן קאָפּ און געמורמלט: „אַ ש׳ין עסק". די נאַצ׳ס, דערהערנדיק דאָס וואָרט עסק; האָבן געמיינט, אַז רומקאָווסקי פאַרלאַנגט פון זיי עסיק און א׳ם באַלד געענטפערט: „וואָס עסיק? יאַ, דאָס בעקאָמען זי". און בנוגע דעם האָבן זיי ווירקלעך געהאַלטן וואָרט...

אַרבעט פאַר א׳יך, עסן פאַר מ׳ר. רומקאָווסקי פלעגט שטענדיק אין די רעסאָרטן האַלטן דרשות און טענהן: „אַרבעט האָב איך פאַר א׳יך, און עסן האָב איך". פלעגן יידן לייגן דעם טראָפּ ב׳ים עסן — אויף „איך"...

גר׳ינצייג, געלצייג, דרעקצ׳יג. רומקאָווסקי האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו מאַכן רעזערוון פון שפּ׳יז־פּראָדוקטן, און די אַזוי אויך קאַרגע שפּייז־ראַ־צ׳אָנען פלעגן די געטאָ־א׳ינוווינער באַקומען אין ערגסטן צ׳שטאַנד. פלעגט מען דער׳בער אין געטאָ זאָגן: „דער דייטש ש׳קט גרינצייג, רומקאָווסקי דער־האַלט געלצייג און שטשענשליווי (לייטער פון אַפּראָוויזאַצ׳ע־אָפּט׳יל) ג׳ט אַרויס — דרעקצייג"...

**גרעסער פאַר משה רבנו.** אין געטאָ איז געווען באַקאַנט דער פּאָלקס־דייטש סוטער (פון דער קרימינאַל־פּאָליציי; פאַר דער מלחמה געוווינט אין לאָדזש אויף דער אַלעקסאַנדער גאַס) ער האָט גערעדט גוט יידיש. פלעגט ער זאָגן: „איך בין גרעסער פאַר משה רבנו. משה רבנו האָט געשלאָגן מיטן שטעקן אויף אַ שטיין און ס'איז אַרויס וואַסער, און איך שלאָג מיטן שטעקן אויף אַ הינטן — און ס'גייט אַרויס גאָלד". געמיינט: ער שלאָגט מיטן שטעקן אַזוי לאַנג אַ יידן, ביז יענער זאָגט אים אויס, ווו ער האָט באַהאַלטן זיינע ווערט־זאַכן.

**אַ חתונה־קאַרטע.** אין די ערשטע צייטן פון די „אויסזידלונגען" האָבן די לאָדזשער יידן נאָך ניט געוווּסט, אַז די מענטשן ווערן געשיקט צום טויט. צו די „אויסזידלונגען" פלעגט מען צעשיקן די יידן קאַרטלעך, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן אין געטאָ־תפיסה אויף טשאַרניעצקי גאַס. אָט די קאַרטלעך פלעגט מען רופן „חתונה־קאַרטן".

**אַ גרוס פון פערדל.** אויף אַ מענטש, וואָס האָט שלעכט אויסגעזען, פלעגט מען זיך זאָגן: „דאָס פערדל האָט שוין געגריסט צו אים". געמיינט: דאָס פערדל פון דער טויטן־עגלה...

**אָפּגעגעבן דאָס „וואַשוויע־ביכל"...** אויף אַ מענטש, וואָס האָט זיך שוין קוים געשלעפּט אויף די פיס, פלעגט מען זאָגן: „ער האָט שוין אָפּגע־געבן זיין „וואַשוויע־ביכל" צו חיים פּאַטשאָרקאָווסקי"... יעדער געטאָ־איינ־וווינער האָט געהאַט אַ „וואַשוויע־ביכל" צום אָפּנעמען גרינסן; פּאַטשאָר־קאָווסקי איז געווען דער פירער פון דער טויטן־עגלה.

**איך האָב פאָסט.** כסדר פלעגט אים געטאָ ווערן איבערגעריסן דער פאָסט־פאַרקער. אין דער צייט פון אַזאַ איבערייס באַרימט זיך אַ ייד, אַז ער האָט יאָ פאָסט. ווונדערן זיך יידן און פרעגן: „ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?" גיט זיי דער ייד צו פאַרשטיין: „איך באַקום 2 קג. ברויט אויף 8 טעג; האָב איך די גאַנצע פּאָרציע אויפגעגעסן אין פאַרלויף פון 5 טעג; האָב איך די איבעריקע 3 טעג פאָסט... פאָסט אויף פויליש — תענית.

**דזשאַקערן.** אַ לוקסוס־אַרטיקל איז אין געטאָ געווען קילעריבן. פון וואָס מ'האָט געמאַכט אַלערליי מאכלים. דעריבער האָט מען קילעריבן געקרוינט מיטן נאָמען „דזשאָקערן". ביי קאָרטן זיינען פאַראַן דזשאָקערן וואָס לאָזן זיך אין שפּיל פאַרשיידנאַרטיק קאָמבינירן.

**קיין איין פערד געפּגרט.** אין געטאָ פלעגט מען זאָגן, אַז קיין איין פערד איז נאָך אין געטאָ ניט געפּגרט, ווייל איידער עס פּגרט אַוועק עסט

מען אים אויף... אין געטאָ פלעגט מען טאַקע פון צייט צו צייט געבן די איינוווינער אַ קליינע פּאָרציע פערדן־פלייש.

ער עסט ווישטש־גאָווע פערד. אַז מען האָט אין געטאָ געזען איינעם אין געלאָף, פלעגט מען זאָגן: „ער עסט ווישטש־גאָווע (געיעג) פערד"... געמיינט: ער עסט פערדן־פלייש.

זופּן. די מ׳טאָגן פאַר די אַרבעטער זיינען באַשטאַנען פון וואַרעמע וואַסער. צוליב דעם האָבן אין געטאָ קורסירט פיל ווערטלעך. איניקע פון זיי ברענגען מיר דאָ:

מען זעט אַ יונגערמאַן גיין מיט אַ פלעשל. פרעגט מען אים: וווּהין? ענטפערט ער: „ נאָכן מיטאָג"...

די קינ־ער פלעגן זיך בעטן ביים באַקומען דעם מיטאָג: „פּאַני ווידזשעלאַטשקאָ (אויסטיילערין) איך מיין ניט קיין געלעכטער, געבן זי מיר אַ ביסל טיפער, אַ ביסל געדעכטער"... טיפער־ווערט געמיינט פון קעסל־דנאָ, וווּ עס שטעלט זיך אָפּ דאָס געדיכטע.

מען פלעגט זיך אויך ווינצלען: „די זופּן שטעלן ביינאַכט אויף די פיס"...

פאַרוואָס קוקסט איר זיך אום? מ׳פרעגט איינעם: פאַרוואָס קוקט איר זיך כסדר אום? ענטפערט ער: „איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך עס אַלץ, וואָס אַ בהמה. קוק איך זיך אום, צי כ׳האָב שוין נישט אַמאָל אויך קיין עק"...

חתינות צוליב ברויט. רומקאָווסקי פלעגט די יונגע פאָרלעך באַשענ־קען מיט אַ ברויט. האָט מען אין געטאָ געזאָגט, אַז דערפאַר קומען עס פאַר אָפטע חתונות, כדי צו באַקומען דעם ברויט...

האָסט איר ליב?.. רומקאָווסקי פלעגט אויך יונגע פּאָרלעך געבן חופה און קידושין. ביי דער צערעמאָניע פלעגט ער פרעגן דעם חתן: „האָסט איר ליב?" איינמאָל ביי אַזאַ פראַגע האָט אים דער חתן געענטפערט: „דערווייל הינגערט מיר". געמיינט צו זאָגן, — דערווייל גיט אהער דעם ברויט.

# פון אונדזער לידער זאמלונג

## וויגליד.

מחבר — אומבאַקאַ'ט
נעטאָ קאָוונע 1943

שלאָף, מיין קינד מיין קליינער,
מאַך די אייגעלעך צו,
דו ווייסט נים פון קיין זינדן
וואָס שונאים שרייבן דיר צו

ביי ביי ביי, באַ ושקי באַיו
ביי ביי ביי, באַ ושקי באַיו

די זינד איז נאָר אַ גרויסע,
זי האָט געבראַכט צום קריג.
לאָזט נים צו די אריער
דערגרייכן זייער זיג.

ביי ביי ביי...

דערפאַר ביסטו אין געטאָ,
דער פאַפּאַ אויפן פאָרט 1)
די מאַמע איז דורך ניסים
געבליבן אויף אן אָרט.

ביי ביי ביי...

נאָר ס' וועלן קומען צייטן,
וועסט ווערן שטאַרק און גרויס —
נקמה זאָלסטו נעמען
פאַר אונדזער בלוט און שווייס!

ביי ביי ביי...

איבערגעגעבן: אליהו דריישפּול.

(צ.ה.ק. 458/121)

1) זיבעטער און ניינטער פעסטונגס־פאָרט אין קאָוונע, וווּ די יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן.

# לאָדזשער געטאָ.

טעקסט – יהונתן קארפּ.
געטאָ לאָדזש

קום אהער, דו גרויער קאָפּ
מיט דיין רונדער פּליי־צע,
ווי מאַכט מען דאָ פון דעם ייד אַ סוף
גיב אונז דאָ אַן עצה.

– ווען איך וואָלט געוויסט ווי איר דער זיגער,
כ'וואָלט גאָרניט געטראַכט.
אַן עצה וואָלט איך אייך געגעבן אַ קלוגע
אָט וואָס כ'וואָלט געמאַכט.
כ'וואָלט געמאַכט, געמאַכט,
אַ געטאָ פאַרצוימט מיט דראָטן
מיט פּאָליציי באַוואַכט,
ארויס פון דאָרט זאָל קיינעם ניט געראָטן –
אָט וואָס כ'וואָלט געמאַכט.

– דיין עצה האָט אַ חן,
דער עלטסטער וועסטו זיין;
דער עלטסטער פון די יידן אין געטאָ דאָרט.
דו וועסט הערשן איבער זיי,
דיינע הערלעך ווייס ווי שניי –
ציטערן וועט יעדער פאַר דיין וואָרט!
ווי משה רבינו אַמאָל
געוועלטיקט איינער איבער ישראל.
אַ קיסר וועסטו זיין, מיין ליבער חיים 1)
ס'נס וועסטו באַווייזן פון מצרים.
דו דאַרפסט נאָר שנעל אונטערשרייבן,
אַז קיין ייד וועט אין שטאָט ניט בלייבן
אַז אפילו אויף שיריים.

מען האָט ניט לאַנג געקלערט און געטראַכט,
אין אַ טריבן טאָג ס'געטעלע געמאַכט...
האָט דער דייטש אַ יידעלע,
און דער ייד – אַ קיסרל;
האָט דער דייטש אַ יידעלע,
און דער ייד – אַ קיסרל.
מען האָט באַלד ארומגערעדט
אַלע זיבן זאַכן

1) מרדכי חיים רומקאָווסקי – געוועזענער עלטסטער פון לאָדזשער געטאָ.

און אויך באַשלאָסן
ס'געטעלע צו פאַרמאַכן.
האָט דער דייטש אַ יידעלע,
און דער ייד — אַ קיסל;
האָט דער דייטש אַ יידעלע,
און דער ייד — אַ קיסל...

דערווייל איז דאָך ביטער און פינצטער און נויט,
דערווייל איז ניטאָ קיין געלט אויף ברויט.
קיין ברויט, קיין פלייש, קיין ביסעלע איי,
און דאָך דאַרף מען עסן און לעבן דערווייל...

אויף אַ בוידעם אונטער אַ דאך
קיים באַדעקט מיט שינדעלעך,
ווי אין אַ סוכה אונטער סכך
ווינט מען מיט אונדזערע קינדערלעך.
האָפּ־האָפּ, עס איז אזוי, } 2
ס'האָט דאָ געווינט אַן אלטער גוי

שטיל אין דעם געטאָ, די דראָטן פאַרמאַכט,
פונקט ווי אויף אַ בית־עולם שפעט אין דער נאַכט;
די מענטשן ווי מתים די פנימער בלאַס
שטייען ווי מצבות אויף קברים אין גאַס.
נאָר אויפן בית־עולם איז דווקא אַ יריד,
דאָרט ווערט מען פון אַרבעט פאַרמאַטערט און מיד.
דאָרט ברענגט מען די וואָס ווערן פון געטאָ באַפרייט,
אויף אייביקע פרייהייט צעריסן די קייט.

2 היימלעך צונויפגערעדט זיך
און איינגעטיילט די ממשלה:
איבער די לעבעדיקע הערשן וועל איך.
און דו וועסט זיין איבער די עגלה.

אַ שמיץ אין פערד אריין,
שלעפּ זיי אין דער ערד אריין,
אַ דאגה, וואָס גייט עס מיך אָן.
איך זאָרג נאָר פאַר מיין געזינדעלע
און פאַר מיינע קינדערלעך —
אבי זיי זיינען מיר דאָ!

און אַז איך בין מיט אייך, קינדערלעך,
דאָ מיט אייך צוזאַמען,
דאָ מיט אייך צוזאַמען, —

איך זאָרג פאַר אייך, איך טראַכט פאַר אייך, | 2
איר דאַרפט ניט מאַטע־מאַמען!

הוליעט, הוליעט, קינדערלעך,
היינט איז מיין צייט,
אויך דיין טאַטן און דיין מאַמען
וועל איך מאַכן זאַט.
מיט קאַשע, קאַשע,
מאָנטיק דינסטיק קאַשע,
מיטוואָך דאָנערשטיק קאַשע,
פרייטיק און שבת אַ קוגעלע פון קאַשע —
און זונטיק ווידער קאַשע!
מיר דאַנקען דיר פאַר דער קאַשע,
מיר זיינען שוין מיט איר זאַט;
דו שלעפסט פון אונדז דאָס געלט פון דער טאַשע
און אַלעס נאָר פאַר דיינע לייט.
גענוג דאָס זאַמד אין די אויגן,
גענוג דאָס בלוט געזויגן;
אַ סוף זאָל זיין צום בלאָף —
צום בלאָף אַ סוף, אַ סוף!..
— ס'וועט קומען אַ צייט, מיר וועלן דערלעבן,
אין האָניק און מילך וועלן מיר זיך באָדן דאָ,
דורך היוז־קאָמיטעטן וועל איך אייך אַלעס געבן —
עס איז געקומען די מזליקע שעה!
אָבער רע־ווייל ביסטו נאָך גענוג רייך, יידעלע,
און אַז דו האָסט ניט — דאָס איז דיין אַלט לידעלע...
גיי און ברענג אַלעס דער גמינע
און לייג זיך. רויק שלאָף,
ס'וועט דיר ניט נוצן דיין מינע
נאָר הער זיך צו מיין רוף.
קומט אַריין הערצבערג מיט זיין זאָנער־באַנדע,
וואָס נאָר אים געפעלט, נעמט ער צו בגראַנדע.
— ניין, ניין, איך טו ניט גנבענען | 2
נאָר נעמען בגראַנדע...
ביז ער האָט אונדז אריינגעדרייט —
ווי דרייט מען זיך ארויס?
ער האָט אונדז אריינגעדרייט —
מיר זיינען קראַנק.
ער האָט אונז'ז אריינגעדרייט
צום דייטש אין האַנט!

א־בערגעגעבן: הערש פראַשקער
לאַנדסבערג

(צ.ה.ק. 404/20)

# פון דאָקומענטן-אַרכיוו



Abschrift.

Nr. ________ München, am 10. 11. 38. 19

Vom Bezirksschulrat I
für die Hauptstadt der Bewegung München

Amtssitz: Hohenzollernstr.

An
Herrn Fritz H e i n e m a n n
Kunsthändler, Lenbachpl. 5/IV.

Betreff: Jüdische Kinder in Volksschulen.

Auf Anordnung der Stadtschulbehörde wird Ihr Kind Thomas, Schüler der Schule an der Luisenstr., zu seinem Schutze bis auf weiteres vom Unterricht befreit. Mitteilung über die weitere Beschulung des Kindes wird Ihnen noch zugehen.

Zur Schule Luisenstr. Kr. zur Kenntnis. gez. Fikenscher

Vorliegendes wurde an den Vater des Kindes gesandt. F.

Nr. 1150 M. J. Wolf, München

דאָקומענט 1.

Abdruck.

Abschrift.

Der Reichsminister
für Wissenschaft, Erziehung
und Volksbildung.
E II e Nr. 1598

Berlin, 7. Juli 1942.

Schließung jüdischer Schulen.

Im Hinblick auf die Entwicklung der Aussiedlung der Juden in der letzten Zeit hat der Reichsminister des Innern ( Reichssicherheitshauptamt ) im Einvernehmen mit mir die Reichsvereinigung der Juden in Deutschland angewiesen, sämtliche jüdischen Schulen bis zum 30. Juni 1942 zu schließen und ihren Mitgliedern bekanntzugeben, daß ab 1. Juli 1942 jegliche Beschulung jüdischer Kinder durch besoldete und unbesoldete Lehrkräfte untersagt ist.

Ich gebe Ihnen hiervon Kenntnis. Von einer Veröffentlichung dieses Erlasses ist abzusehen.

Im Auftrage
gez. Holfelder.

An die Unterrichtsverwaltungen der Länder ( außer Preußen )

דאָקומענט 2.

# איבערזעצונג פון דאקומענטן

דאָקומענט נר. 1.

מינכען, דעם 10.11.1938

הערן פריץ היינעמאַן

קונסטהענדלער, לענבאַך־פּלאַץ 5/IV

פון באַצירק – שולראַט I
פון דער הויפּטשטאָט פון דער באַוועגונג

ויצאָרט: האָהענצאָלערן־גאַס

ענין: יידישע קינדער אין פאָלקשולן

לויט דער פאַראָרדענונג פון שטאַטישן שולאַמט ווערט צוליב זיין שוץ אייער קינד טאָמאַס, שילער פון דער שול אין לואיזן־גאַס, ביז אויף ווייטערס באַפרייט פון די לימודים. ווענן ווייטערדיקן לערנען פון אייער קינד וועט אייך נאָך מיטגעטיילט ווערן.

צו דער שול אין לואיזן־גאַס קנ צו קענטעניש.
געצ. אונטערשריפט נים לעזבאַר

די מעלדונג איז געשיקט געוואָרן צום פאָטער פון קינד.
F.

דאָקומענט נר. 2.

## אָ פּ ד ר ו ק

קאָ פּ י ע!

בערלין, 7. יולי 1942.

דער רייכס־מיניסטער
פאַר וויסנשאַפט, ערציאונג
און פאָלקס־בילדונג.
E 11 e Nr. 1598

## שליסונג פון יידישע שולן.

נעמענדיק אין אַכט די אַנטוויקלונג פון די יידן - אויסזידלונגען אין דער לעצטער צייט, האָט דער רייכס־מיניסטער פאַר אינערן (רייכס זיכערהייטס הויפּטאַמט) אין הסכם מיט מיר פאַראָרדנט דער רייכס־פאַראייניקונג פון די יידן אין דייטשלאַנד צו פאַרמאַכן אַלע יידישע שולן ביז צום 30־טן יוני 1942 און זייערע מיטגלידער צו מיטטיילן, אַז פון 1־טן יולי 1942 איז פאַרבאָטן יעדער אופן פון אונטערריכט פאַר יידישע קינדער, הן דורך באַצאָלטע לערער אָדער נים באַצאָלטע.

איך גיב אייך דאָס צו קענטעניש.
דאָס פאַרעפנטלעכן פון דער פאַראָרדענונג איז צו אויסמיידן.

אין אויפטראָג
געצ. האָלפעדער

צו די אונטערריכטס־פאַרוואַלטונגען פון די לענדער (אויסער פּרייסן).

# אויפקלערונגען

דאָקומענט נר. 1.

דער נאַצי׳ש אָ׳נסצעניזירטער „פאָלקס־שטורעם“ קעגן די יידן אין דייטשלאַנד אין די נאָוועמבער־טעג פון 1938 האָט ניט פאַרביי״געלאָזן אויך די יידישע קינדער. ווי באַקאַנט זיינען עס דאַן פאַרברענט געוואָרן אַלע סינאַגאָגעס אין דייטשלאַנד; פי״ל יידישע הייזער און געשעפטן זיינען געוואָרן או׳סגעראַבט און יידן פאַרשיקט אין די קאַצעטן. אויף די דייטשע יידן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ געוואַלטיקע געלט־קאָנטריבוציע. דאַן איז עס אויך געקומען די „גרינטלעכע געזעצלעכע רעגעלונג“ פון די ניט־אַריער. יידן זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן אויך פון אײנצל־האַנדל און האַנטווערקעריי; יידן וועלכע האָבן נאָך פאַרמאָגט אונטערנעמונגען, זיינען אויפגעצוווּנגען געוואָרן צו איבערגעבן זיי צו אַריער. פאַר יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו באַזוכן דייטשע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען. און צוזאַמען מיט דעם ווערן עס דאַן אויך די יידישע קינדער דערוויי״טערט פון לערנען אין דייטשע שולן, צוליב זייער „שוץ“ ווענן, ווי עס קלינגט פאָרמעל אין דער געבראַכטער אָפיציעלער מעלדונג פון באַצירק־שולראַט צו אַ יידישן פאָטער אין מינכען.

פון דאַן אָן האָבן די יידישע קינדער אין דייטשלאַנד געקענט זיך לערנען נאָר אין פריוואַטע יידישע שולן מיט אַ יידישן לערער־פערסאָנאַל, און די אויך נאָר עלעמענטאַרע, אַפילו ניט מיט קיין קורס פון מיטל און פאַך־בילדונג, אַזעלכע שולן זיינען געוואָרן אויסגעהאַלטן פון די אָרטיקע יידישע קולטוס־געמיינדעס אָדער פון דער רייכס־פאַרייניקונג פון די יידן אין דייטשלאַנד.

---

דאָקומענט נר. 2.

אין דער צייט ווען די געבראַכטע פאַראָרדענונג איז אַרויס (7.7.42) איז שוין די איבערוועגנדיקסטע טייל פון די רייכס־יידן געווען „אויסגעוידלט“ דאָך האָבן זיך נאָך ווו פאַרוואַלגערט די פאַמיל׳עס פון יחידים, וועלכע זיינען געווען נייטיק פאַר דער „קריגס־ר׳סטונג“ אאז״וו. עס זיינען געווען אויך אַ ביסל קינדער פון געמישטע עלטערן אָבער פון יידישן גלויבן. פאַר אָט די קומט עס די פאַראָרדענונג צו שליסן אינגאַנצן די יידישע שולן. פאַר

זיי ווערט אויך פאַרבאָטן „יערער אופן פון אונטעריכט", אפילו דאָס לערנען זיי פריוואַט אין שטוב! אַז דאָס רייכס־מיניסטעריום פאַר וויסנשאַפט דער־ציאונג און פאָלקס־בילדונג אַליין האָט גראָד פאַרשטאַנען די אומטאָראַליש־קייט פון דעם, איז עס בולט צו אַרויסזען אין זיין לעצטן זאַץ, וואָס ווינטשט בפירוש ניט דאָס פאַרעפנטלעכן אָט די פאַראָרדענונג...

געוועגדעט איז די פאַראָרדענונג צו די אַלע לענדער אין רייך אויסער פרייסן. איז דאָס נים אָנווענדן די פאַראָרדענונג אויף פרייסן נאָר צוליב ריין־אַדמיניסטראַטיווע טעמים, אָדער זיינען צו יענער ציים נאָך געבליבן דער־לויבט יידישע פריוואַטע שולן, און מעגלעך אויך, אַז דאָרט זיינען זיי שוין פון פריער געווען געשלאָסן — ווענן דעם בלייבט נאָך אויפצוקלערן.

# צו די שול־לערער און מנהלים פון די חלוצישע קיבוצים!

פון פיל שולן און קיבוצים האָבן מיר שוין באַקומען אַריינגעשיקט די שריפטלעכע אַרבעטן פון די שילער וועגן זייערע איבערלעבונגען בעת דער מלחמה לויט אונדזערע אָנווייזונגען. פיל אויפזאַצן זיינען מוסטערהאַפט אָנ־געשריבן און וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין די אויסגאַבעס פון צ. ה. ק.

די איבעריקע לערער און מנהלים ווערן דרינגענד געבעטן צו פאַר־שנעלערן דאָס פאַרגעבן זייערע שילער די שריפטלעכע אַרבעטן און באַלד זיי איבערשיקן אויף דעם אָנגעוויזענעם זיי אַדרעס.

צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע מינכען.

# פון אונדזער בילדער-זאמלונג



ווינער ייד־שע א־נטעל־גענץ פאַרשפּאַרט הי־נטער די גראַטעס

א בערגענעבן דורך י. ווייסמאַן

Viennese Jewish intellectuals locked up behind bars.



גאגאלין, שלעזיע. פוילישע יידן אין אַרבעטס־לאַגער
איבערגעגעבן דורך שניצער

Gogolin, Silesia. Polish Jews in labor camp.



דייטשע יידן ביי דער צוואַנגס־אַרבעט אין מינכענער יידן־לאַגער אין פאָר־
שטאָט מילבערטסהאפן
איבערגעגעבן דורך היינץ מייער

German Jews at forced labor in the Munich Jewish camp in the suburb of Milbertshofen.



מזרח־אוקראינע. צונויפגעכאַפּטע ייִדישע מענער אין די ערשטע טעג פון דער נאַצי־אָקופּאַציע

איבערגעגעבן דורך פריץ העפּט

Eastern Ukraine. Jews roundet up by the Germans in the early days of the Nazi occupation.



מזרח־אוקראַינע. צונויפגעכאַפּטע ייִדישע מענער אין די ערשטע טעג פון דער
נאַצי־אָקופּאַציע
איבערגעגעבן דורך פריץ העפּט

Eastern Ukraine. Jews roundet up by the Germans in the early days of the Nazi occupation.



מזרח־אוקראינע. צונויפגעכאַפּטע ייִדישע מענער אין די ערשטע טעג פון דער נאַצי־אָקופּאַציע

איבערגעגעבן דורך פּריץ העפּט

Eastern Ukraine. Jews roundet up by the Germans in the early days of the Nazi occupation.



טאָמאַשאָוו־מאַז. פוילן. מ׳שערט אָפּ פרויען די האָר
איבערגעגעבן דורך פרייץ העפּט

Tomaszow—Maz., Poland. Cutting the hair off women's heads.

# אַרטיקלען־רשימה

## פון יידישן לעבן אין נאָצי־צייט אין פּרעסע פון שארית הפליטה.

### ,,אונדזער וועג", מינכען

| נומער | ערשטער דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 41 | 20. 7. 46 | אחד | גערענק דעם טאָג. (די שחיטה אין טעלז, ליטע). |
| " | " | ש. לוי | ,,מסדה" אין שאַוולער געטאָ. |
| 50 | 25. 9. 46 | יעקב אָלייסקי | אלול תש"א אין קאָוונער געטאָ. |

### ,,במדבר", פערנוואַלד.

| נומער | ערשטער דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 7 | 4. 6. 46 | ז. קאַלמאַנאָוויטש | דער חורבן פון דער יידישער לידע. |

### ,,אונדזער שטימע", בערגן־בעלזן.

| נומער | ערשטער דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 14 | 2. 10. 46 | אברהם ליפשיץ | די ,,שפּערע". (צו דער פערטער יאָרצייט פון דעם לאָדזשער געטאָ־גירוש). |

## „ניצוץ“, מינכען.

| נומער | 1 דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 3 | 2. 9. 45 | עברי | 5 שנים לתנועת האיחוד במחנות ליטא (וועגן ציונ. איחוד־באַוועגונג אין ליטע בעתן נאַצי־רעזשים) |
| 4 | 16. 9. 45 | חיים כהן | זכרונות מעבודתנו במשך השנים האחרונות (וועגן ציונ. באַוועגונג אין קאָוונער געטאָ) |
| 7 | 31. 12. 45 | עברי | בכיל המולד (זכרונות פון קאָוונער געטאָ). |
| 11 | 15. 3. 46 | עברי | י"א אדר במחנה ההסגר (י"א אדר־פייערונגען אין דאַכאַוער קאַצעט). |
| " | " | חנה זילבערצווייג | מקיבוץ בגיטו ליטא עד קיבוץ במולדת (זכרונות וועגן שאַוולער געטאָ און דאַכאַוער קאַצעט). |
| 17 | 24. 4. 46 | ע.—י. | חמש שנים לחורבן ליטא (נאָטיצן וועגן אונטערגאַנג פון יידישער ליטע). |
| 17,18,20, 22; 1/68 | " | ש. אַפּלבוים | פרקים מגלות יער (וועגן לעבן פון פאַרטיזאַנער־גרופּן אין די פּינסקער וועלדער). |
| 1/68 | 25. 10. 46 | ק. שבתאי | על אחד שזכה ששמו ייקרא עליו (אַ טשעק אין אויפשטאַנד פון טרעבלינקע). |

## „Landsberger Lager-Cajtung“ לאַנדסבערג אם לעך.

(אין יידיש מיט לאַטייניש אותיות)

| נומער | 1 דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 34 | 16. 8. 46 | חיים שיפער | דאָס יידישע טאַרנאָוו פאַר דער מלחמה, אין דער מלחמה, נאָך דער מלחמה. |
| 36 | 23. 8. 46 | מ. בעסערגליק | וויעלון 14.000 מינוס 7.000 (די פאַרניכטונג פון די 7.000 וויעלונער יידן). |
| " | " | הענאָך קאָזמינסקי | די ליקווידאַציע פון געטאָ זדונסקאַ־וואָלאַ. |
| 37 | 30. 8. 46 | מאַריאַן זשיד | דער ייד אין בערלינער פּאָליציי־פּרעזידיום (איבערלעבונגען פון אַ דייטשן ייד). |

## „דאס פרייע ווארט“, (יידיש מיט לאט. אותיות) פעלדאַפינג.

| נומער | 1 דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 27 - 39 | 19. 4. 46 | משה זילבערבערג | חורבן לובלין. |
| 28 | 26. 4. 46 | א. קאָטלאר | דער וואַרשעווער אויפשטאַנד. |
| 29,30-36 | 3. 5. 46 | משה כספי | וואַרשעווער ווידערשטאַנד |
| 38 | 5. 7. 46 | מ. פוקס | דער בלוטיקער מאָנטיק אין טשענסטאָכאָוו. |
| 39 | 12. 7. 46 | אַ. שטיינבערעכער | צום דריטן יאָרטאָג פון דער ליקווידאַציע פון טשענסטאָכאָווער געטאָ. |
| 44—45 | 16. 8. 46 | יוסף גערשקאָוויטש | דריטער יאָרטאָג זייט ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ. |

## „אַ היים“, (יידיש מיט לאַט. אותיות) לייפהיים.

| נומער | דאַטום | מחבר | נאָמען פון אַרטיקל |
|---|---|---|---|
| 14 | 12. 7. 46 | | דער טאָג פון מיין באַפרייאונג (קאָנקורס־דערציילונג). |
| 15 | 19. 7. 46 | אלתר מלינאַרסקי | " " " " " " " |
| 16 | 26. 7. 46 | פאָלאַ יאָסקאָוויטש | " " " " " " " |
| " | " | משה זינגער | " " " " " " " |
| " | " | פ. וויטקין | " " " " " " " |
| 17 | 16. 8. 46 | ציפורה בלאָך | " " " " " " " |

| נומער | 1 דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 17 | 16. 8. 46 | מ. שוסטער | אין דערמאָנונגס־טאָג (ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ) |
| 17,18 | „ | משה ערעלשטיין | צו שפּעט (פראַגמענט פון אַ בוך „4 יאָר אין די לאַפּעס פון דער דייטשער ס"ס) |
| 18 | 23. 8. 46 | מ. גראַבאָוויעצקי | דער טאָג פון מיין באַפרייאונג (קאָנקורס־דערציילונג). |

## „אונדזער וואָרט“, (יידיש מיט לאַט. אותיות) באַמבערג.

| נומער | 1 דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 14,15,19 | 21. 6. 46 | ח. סוכאָל־צקי | דער אָנהויב פונם סוף פון וואַרשעווער געטאָ. |
| 18 | 19. 7. 46 | „ | דער 22־טער יולי 1942. (צום יאָרצייט פון אָנהויב פון דער ליקווידאַציע פון וו'אַרש. געטאָ) |

## „אונדזער האָפענונג“, (יידיש מיט לאַט. אותיות) עשוועגע.

| נומער | 1 דאַטום | מ ח ב ר | נאָמען פון אַרטיקל (און אינהאַלט) |
|---|---|---|---|
| 2, 5 | 14. 6. 46 | י. פעפער | מיין אַנטלויפן פון מייראַנעק. |
| 7 | 20. 7. 46 | „ | אונדזערע גוטע ברידער. (די פאַרברעכנס פון די פּאָליאַקן קעגן יידן). |

די אַרטיקלען־רשימה איז נים קיין פולע. אונדזערע כסדרדיקע ווענדונגען צו די רעדאַקציעס וועגן שיקן אין דער צ. ה. ק. רעגולער זייערע אויסגאַבעס, האָבן ביז אַהער געבראַכט ווייניק רעזולטאַטן. אונדזער ווענדונג גייט ווייטער!

רעדאַקציע.

צו מיטארבעט מיט

# ידיעות וועגן די לאַגערן

אין דער צ. ה. ק. ווערט צוגעגרייט אן אַרבעט איבער די לאַגערן אין די געוועזענע פוילישע מזרח־געביטן און אין די באַלטישע לענדער. ביז איצט זיינען ביי אונדז רעגיסטרירט די לאַגערן. —

## ווילנער געגנט:

1. איגנאלינע
2. אָראן
3. אָלקעניק
4. בעלאָוואקע
5. בעזדאן
6. געניום, ביי לינטיאן
7. דוקשט
8. ווילנע („קאַ־ליס")
9. ווילנע (ה. ק. פּ.)
10. ווילנע קריגס־לאַזאַרעט
11. ווילנע געשטאַפּאָ־ראָסע
12. וויעליטשאני
13. ניי־טראָק
14. ניי־שווענטשיאַן
15. נעמענטשין
16. פּאָנאר
17. פּאָרבראָדזש
18. פּאָליגאַן, ביי ניי־שווענטשיאַן
19. קעני, ביי ווילנע
20. רודזשיסקי, ביי ווילנע
21. רעשע, ביי ווילנע

## וואָלינער געגנט:

1. באקוימא
2. באבעלעק
3. ברעזנא
4. לודמיר
5. זבודיאנקע
6. לוצק
7. סמאָרדעוו
8. סאָלנא
9. פּעווערעדעוו
10. קאָסטאָפּאָל

## נאָוואָגרודקער געגנט:

1. דוואָרעץ
2. לידע
3. קורלאַטשעוואָ

## פּאַלעסיער געגנט:

1. האנצעוויטש
2. סאַרני

## ליטע:

1. אקמיאן (אקמענע)
2. אלעקסאָט
3. באטשין
4. דאונעל
5. וועוויע
6. ווידוקלע
7. זאָקנע
8. זשעזשמער
9. יאַנשקעל
10. יאַנשאָק
11. לינקאיטש
12. לינמיאן
13. מיליגאן
14. עזשערעני (זאראסאי)
15. פאַוועננטש
16. פאַלעמאָן
17. פאָנעיועזש
18. פרען
19. קייראן
20. קוזש
21. קאָשעדאר
22. קאָזלאָוואַ־רודא
23. רעקיווא־קארפישאק
24. ראדוויל־ישאָק
25. ראדוויל־ישאָק-מעלקעריי
26. רויטער הויף ביי קאָוונע
27. שאנץ (קאָוונע)

## עסטלאנד:

1. אילינורמע
2. אַאוווּאַרי
3. אזארי
4. גאָלדפּיבּרע
5. וואַיוזארי 1
6. וואַויארי 2
7. וויזענבערג
8. לאגעדי
9. נארווא
10. סאָנדא
11. סאקע
12. סאָסקי
13. ערעדין
14. פּעטשאָרע
15. פּאָרטקונדע
16. פּוטקי
17. קלאָגא
18. קיווייאָלע 1
19. קיווייאָלע 2
20. קערסטאָוואָ
21. קוראַמעאַ

## לעטלאנד:

1. אילגעצהיים (רינע)
2. אָליינע
3. לענטא (רינע)
4. קייזערוואַלד (רינע)
5. שלאָק
6. שפּילווע (רינע)
7. מיסא
8. סאלעספּיל

די אַלע וועלכע ווייסן פון נאָך לאַגערן אין די דערמאָנטע ערטער אָדער קענען אונדז איבערגעבן וועלכע נאָר פּרטים וועגן יעדן איינעם פון די דערמאָנטע לאַגערן, ווערן געבעטן ווי פריער זיך שטעלן מיט אונדז אין פאַרבינדונג.

# באַריכטן
# טעטיקייט

= דורך די לעצטע צוויי מאָנאַטן, סעפּטעמבער און אָקטאָבער, זיינען די זאַמלונגען פון דער צ. ה. ק. באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך וויכטיקע מאַטע־ריאַלן. אין ציפערן באַקומט זיך פאָלגנדיקס בילד:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1. גבית־עדות | — 198 נומערן; | פון דעם דורך די לאָקאַלע ה. ק. | — 93 נר. |
| 2. פאָלקלאָר | — 52 | " " " " " " " | " 13 |
| 3. בילדער פון דער נאַצי־צייט | — 109 | " " " " " " " | " 18 |
| 4. בילדער פון פאַ־שיסטישע פאַרב. | 5 | " | |
| 5. דאָקומ. פון דער נאַצי־צייט | 399 | " " " " " " " | " 377 |
| 6. נאָך־מלחמה דאָקומענטן | 147 | " " " " " " " | " 47 |
| 7. סטאַטיסטישע פרעגבויגנס | 1291 | " " " " " " " | " 1291 |
| 8. אָנטיסעמ. ביכער | 4 | " " " " " " " | " 2 |
| 9. מוז. קעננשטאַנדן | 4 | " " " " " " " | " 1 |
| 10. פילמען | 2 | " | |
| 11. אויסגעפילטע אַנקעטעס פון די לאַנדראַטן און אָבער־בירג. | 266 | " | |
| 12. נאָמען צו געטאָ און ק. צ. לידער | 51 | " | |
| 13. פאַטעפאָן־פּלאַטן | 14 | " | |
| 14. אויסגעפילטע אַנקעטעס פון דראַמ. קרייזן | 8 | " " " " " " " " | " 2 |

אין דער טאַבעלע גייען נישט אַריין די צייטשריפטן, פּלאַקאַטן, פלוג־בלעטלעך און אַנדערע דרוק זאַכן פון היינטיקן יידישן לעבן אין דייטשלאַנד,

= דורך די רעגיאָנעלע היסטאָרישע קאָמיסיעס און אויך קאָמיטעטן האָט די צ. ה. ק. זיך געווענדעט צו אַלע לערער פון די שולן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע מיט אַ ווענדונג צו פאַרגעבן די שילער אַ שריפטלעכע אַרבעט וועגן זייערע איבערלעבונגען בעת דער מלחמה. די ווענדונג איז פאַרזען מיט די נויטיקע מעטאָדישע אָנווייזונגען. די צ. ה. ק. האָט אויך פונאַנדערגעשיקט אַן אַנקעטע־בויגן צו אַלע דראַמאַטישע קרייזן.

= אויפן גרונט פון די דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין דער צ. ה. ק., ווערט געאַרבעט אויף צוזאַמענשטעלן אַ לוח מיט אַלע דאַטעס פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין יידישן לעבן אונטער דעם נאַצי־רעזשים.

= די נאָטן צו די געטאָ־און קאַצעט־לידער זיינען געוואָרן איבערגעגעבן דעם באַקאַנטן פעדאַגאָג און קינסטלער י. ד. שיינזאָן אויף באַאַרבעטן זיי צום אויספאַרטיקן דרוק־קלישעס.

= עס גייט ווייטער אָן די אַרבעט אויף צונויפשטעלן דעם אַלמאַנאַך פון די לאַגערן אין די געוועזענע פוילישע מזרח־געביטן און באַלטיקום. די ערשטע רשימה פון לאַגערן איז פאַרעפנטלעכט אין היינטיקן נומער „פון לעצטן חורבן".

= דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון דער צ. ה. ק. י. קאַפּלאַן האָט צוזאַמען מיטן יונגנטלעכן מיטאַרבעטער פון דער לאַנדסבערגער היסטאָרישער קאָמיסיע הירש הירשאָוויטש לעצטנס געמאַכט אַן עקספעדיציע אין די געוועזענע קאַצעטן ביי לאַנדסבערג־לעך, ווו זיי ביידע זיינען דאָרט אויך געווען קאַצעטלער. דאָרט האָבן זיי אויפגעזאַמלט אַ באַדייטנדיקע צאָל מוזעאַלע קעגנשטאַנדן. אין דעם געפינען זיך: שיך פון קאַצעטלער, בגדים, הענטשקעס, פרימיטיוו געפלאָכטענע דראָט־קערבלעך פון די קאַצעטלערינס, עס־שיסלען, קעסלעך, אַ זופּ־שעפּער אאז"וו.

= אַ פאָרשטייער פון דער צ. ה. ק. האָט זיך באַטייליקט אין דער לוויה פון די מענטשן־רעשטלעך אין דעם אויפגעדעקטן מאַסן־קבר פון די דערמאָרדעטע קאַצעטלער אין וואַלד פון נויענבורג ביי רעגנסבורג. אונדזער שליח האָט פון דאָרט געבראַכט אַ זופּ־קעסלע מיטן אויסגעקריצטן נאָמען „ישראל", וואָס איז געפונען געוואָרן אין וואַלד און האָט עס געפירט צום אַנטדעקן די אומבאַקאַנטע קברים פון די קרבנות.

= אין מינכענער ראַיאָן האָבן זיך לעצטנס אָרגאַניזירט היסטאָרישע קאָמיסיעס אין: באַד רייכענהאַל (לייטער צבי ראָזענבוים), אַשאַו (מיטאַרבעטער ערנסט וויים און חיים וויזעל) און וואָלפראַטסהאַוזען (לייטער—וואָלף לערער). די קאָמיסיעס האָבן שוין איבערגעשיקט דער צ. ה. ק. זייערע געזאַמלטע מאַטעריאַלן. די אָפּטיילונג פון באַד רייכענהאַל האָט אויך צוגעשטעלט אַ קאָנטיקע צאָל פון גבית ע־ות.

= פון די ניט לאַנג צוריק אויפגעקומענע היסט. קאָמיסיעס צייכנט זיך אויס די אָפּטיילונג אין פערנוואַלד מיט אירע געהעריק־אויפגענומענע גבית־

עדות און מיט זייערע איבערגעשיקטע דאָקומענטן פון היינטיקן יידישן לעבן אין די דייטשע לאַגערן. אויך די אָפּטיילונג אין לייפּהיים, ווו די ליימונג האָט איבערגענומען שלמה גאָלדמאַן, אַרבעט אינטענסיוו. די לעצטנס צוגעשטעלטע זאַמלונג פון דאָקומענטן ווייזט, אַז די לייפּהיימער קאָמיסיע האָט זיך ערנסט גענומען פאַר דער זאַך און וועט אָן ספק קירצלעך פאַרנעמען אַ גאַנץ חשובן אָרט צווישן די אָפּטיילונגען פון דער צ. ה. ק.

= די רעגיאָנאַלע היסטאָרישע קאָמיסיע אין באַמבערג האָט לעצטנס איבערגעשיקט דער צ. ה. ק. אַ באַדייטנדיקע צאָל אָפּשריפטן פון נאַצי־דאָקומענטן, וועלכע עס האָבן איר צוגעשטעלט די אָפּטיילונגען אין אַנסבאַך, קאָבורג און עלטמאַן. ווי די באַמבערגער אינפאָרמירן אונדז, גרייטן זיי זיך מיט אַן אויסשטעלונג פון זייערע זאַמלונגען צו דער קאָנפערענץ פון די קאָמיטעטן אין זייער ראַיאָן. נאָך דער אויסשטעלונג וועט די גאַנץ גרויסע זאַמלונג אַריבערגעפירט ווערן מיט אַ לאַסט־אויטאָ אין דער צ. ה. ק.

= די רעגיאָנאַלע היסטאָרישע קאָמיסיע אין פראַנקפורט קאָפּירט כסדר די נאַצי־דאָקומענטן פון דער דאָרטיקער שטאָט־פאַרוואַלטונג און שיקט זיי איבער אין דער צ. ה. ק. חוץ דעם ווערן דורך דער אָפּטיילונג צוגעשטעלט אויך אַנדערע דאָקומענטן.

= די רעגנסבורגער רעגיאָנאַלע היסטאָרישע קאָמיסיע איז נאָך לאַנגע באַמיאונגען מצד דער צ. ה. ק. לעצטנס צוגעטראָטן צו אַקטיווער טעטיקייט אונטער דער ליימונג פון פערעלמוטער. די געפירטע שמועסן אין דער צ. ה. ק. מיט דעם לייטער פון רעגיאָנאַלן קולטור־אַמט אינזש. סטעפאַן שוואַרץ און דעם לייטער פון דער רעג. היסט. קאָמיסיע האָבן זיי אַריינגעבראַכט איינשטימיקייט און האַרמאָניע אין דער אַרבעט. די קאָמיסיע האָט אונדז שוין איבערגעגעבן איינ־קע וויכטיקע דאָקומענטן פון יידישן עבר אין רעגנסבורג און אומגעגנט. אין ראַיאָן זיינען שוין דורך איר אָרגאַניזירט געוואָרן אָפּטיילונגען אין שוואַנדאָרף (מיטאַרבעטער — איינער און מעשעל), ווידען (לייטער — פּשיבולסקי), שטראַובינג (לייטער — אינזש. סט. שוואַרץ), פּאַסאַו (פּרלי ז. האים), רעגנסבורג־שטאָט (לייטער — זילבערשטיין), אַמבערג (לייטער — רייך) און פּלאַטלינג.

= אין שטוטגאַרט האָט די ליימונג פון דער רעג. היסט. קאָמ. איבערגענומען ד״ר לעאָן פרידמאַן. עס איז צו דערוואַרטן אויך פון דער קאָמיסיע אין דעם וויכטיקן צענטער אַ גאָר דערפאָלגרייכע טעטיקייט.

= די דערשינענע ערשטע 2 נומערן „פון לעצטן חורבן" זיינען שוין צעגאַנגען. ניי אָנגעקומענע באַשטעלונגען קענען נים באַפרידיקט ווערן. אויב די באַדינגונגען וועלן דערלויבן, וועט די צ. ה. ק. נאָך אַרויסלאָזן אַ צווייטע אויפלאַגע פון די דערמאָנטע 2 נומערן.

מ.-י. פ—ם.

# כראָניק

○ לעצטנס האָבן באַזוכט די צ.ה.ק. ראַבײ ד"ר פיליפ בערנשטײן,
ראַטגעבער פאַר ייִדישע ענינים בײ דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער אַמערי־
קאַנער אַרמײ; מרס. שוואַרץ, די פרוי פון „דזשאָינט ד׳רעקטאָר" אין דער
אַמעריקאַנער זאָנע, און דזשולאַס האָכמאַן, מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע
פון דעם אַלוועלטלעכן „אָרט". די געסט האָבן אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס
צו דער טעטיקײט פון דער קאָמיסיע.

○ ראַבאַי אבֿרהם י. קלויזנער האָט פון אַמעריקע צוגעשיקט דער צ.ה.ק.
ווי אַ מתנה אַ ייִדישע שרײַב־מאַשין. דער מאַנגל אין אַזאַ מאַשין איז טאַקע
ביז אַהער געווען אײנע פון די גרעסטע שטערונגען אין דער אַרבעט פון
דער קאָמיסיע. ווי עס איז צו זען האָט ראַבאַי קלויזנער, אײנער פון די
איבערגעגעבנסטע פרײַנד פון צ.ה.ק. פון איר ערשטן גרינדונגס־טאָג, אויך
פונדערווײַטן געטאָן אויף צו פאַרלײַכטערן אונדז אין דער אַרבעט. אונדזער
גרויסן דאַנק אים אויך דערפאַר.

○ אַן איבערגעגעבענעם פרײַנד האָט די צענטראַלע היסטאָרישע קאָמי־
סיע לעצטנס געפונען אין מיס ליבע שילקרעט, וועלכע איז טעטיק אין
קולטור־אָפּטײלונג פון „דזשאָינט"־צענטראַלע אין מינכען. מיס שילקרעט
איז ביז איר קומען קײן אײראָפּע געווען טעטיק אין ייִוואָ, ניו־יאָרק, און זי
האָט אויך רעדאַגירט דעם ענגלישן טײל פון די „ידיעות פון ייִוואָ". פרל.
שילקרעט איז אויך באַקאַנט אַלס איבערזעצערין פון שלום עליכם אין
ענגליש.

○ הער פעליקס מאַק, לאָדזש־קראַילינג, האָט בעתן עולה לתורה זײַן
ימים נוראים מנדר געווען פאַר דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע
500 מאַרק און די סומע שוין אַרײַנגעטראָגן אין דער קאַסע פון צענטראַל
קאָמיטעט.

ה׳ פעליקס מאַק איז שוין פון לענגער באַקאַנט אַלס פרײַנד פון
ייִדישע היסטאָרישע קאָמיסיעס. אין פּוילן האָט ער בשעתו פאַר דער דאָרטי־
קער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע געגעבן 10.000־ זל.

○ בײַם קולטור־אַמט אין בערלין־מאַריענדאָרף איז געגרינדעט געוואָרן
אַ היסטאָרישע קאָמיסיע. אויף דער ביטע פון דערמאָנטן קולטור־אַמט האָט
די צ.ה.ק. אַרויסגעשיקט אינסטרוקציעס און נאָך פּאַרש׳דענע אָנווײַזונגען
וואָס קענען נוצן ברענגען בײַם פירן די אַרבעט פון דער קאָמיסיע.

○ דער צ.ה.ק. איז אין מינכען צוגעקומען אַ נייער איבערגעגעבענער זאַמלער, דער יונגטלעכער משה ווײַנשטײַן, וועלכער אַרבעט פלייסיק אויף צושטעלן פאָקאַמען און אַנדערע דרוק־זאַכן פון היגן געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן.

○ אין פאַרלאַג פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פוילן זיינען לעצטנס דערשינען די פאָלגנדקע אַרבעטן (אין פויליש): 1. „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ" – ד"ר יוסף קערמיש. 2. „די פאַרניכטונג פון סאָסנאָוויצער יידן" — מגר. נתן עליאש שטערנפינקעל. 3. „די פאַרניכטונג פון די זשאָלקעווער יידן" — גרשון טאפעט. 4. „אַ יאָר אַרבעט פון דער צ.יי.ה.ק. אין פוילן" — נח גרים און דיאַנא גרינבוים.

○ די לעבנגעבליבענע טשענסטאָכאָווער יידן אין דער אַמעריקאַנער און בריטישער זאָנע האָבן זיך דעם 20 אָקטאָבער ה.י. פאַרזאַמלט אין לאַנדסבערג־לעך אויף אַ טרויער־אַקאַדעמיע צו באַערן דעם אָנדענק פון די קדושים, וועלכע זיינען געפאַלן ביי דער ליקווידאַציע פון טשענסטאָכאָווער געטאָ.

○ צום 5טן יאָרטאָג פון דער גרויסער אַקציע אין קאָוונע (28.10.41.) איז אין לאַנדסבערג־לעך פאָרגעקומען אַ טרויער־צוג צום דערבײַ איקן מאַסן־קבר ביים געזו. לאַגער 1 און אַ גרויסע טרויער־אַקאַדעמיע. מאַסן ליטווישע יידן זיינען זיך דעם טאָג אַהער צונויפגעפאָרן.

○ אין 3טן יאָרטאָג פון דער גרויסער „אַקציע פון קינדער און אַלטע" אין שאַוולער געטאָ (ליטע) איז אין פעלדאַפינג דעם 5טן נאָוועמבער ה.י. פאָרגעקומען אַ גרויסער אָנדענק־צוזאַמענקום.

○ ב. גראָובאַרט, ביבעראַך (פראַנצ. זאָנע), האָט איבערגעגעבן דער צ.ה.ק. אַ ריי בילדער פון יידישן לעבן אונטערן נאַצי־רעזשים.

○ אַ ריי בילדער פון אַמאָליקן יידישן לעבן אין בענדין (פוילן) האָט איבערגעגעבן דער צ.ה.ק. א. װאָלד, ביבעראַך (פראַנצ. זאָנע). צווישן די געפינט זיך אַ פאָטאָגראַפיע פון שלום עליכם צוזאַמען מיט די אָרטיקע עסקנים, וואָס איז געמאַכט געוואָרן בעתן באַזוך פון שלום עליכם אין בענדין.

○ אַ ריי כאַראַקטעריסטישע בילדער פון לעבן אין לאַגער פאָקינג האָט איבערגעשיקט דער צ.ה.ק. פרוי דאָראַ עלענצווייג.

○ מ. לאַסקער, מינכן, האָט אין רשות פון צ.ה.ק. געשטעלט איניקע גרויסע אַרבעטן, וואָס זיינען מיט איבער אַ יאָר צוריק נאָך דער באַפרייאונג, אויפגענומען געוואָרן ווי גבית־עדות פון האָלענדישע יידישע העפטלינגע אין דער פראַנצויזישער זאָנע.

○ י. אייגער, לייטער פון דער היסט. קאָמיסיע אין גאַרמיש־פּאַרטענ־קירכען, האָט צווישן נייע מאַטעריאַלן צוגעשטעלן דער צ.ה.ק. אַ פּאָרטפעל פון אַ ספר־תורה. זוי ער גיט איבער זאָל אַ גאַנצע גרופּע דייטשע זעלנער זיך האָבן געמאַכט אַזעלכע פּאָרטפעלן, גלויבנדיק אַז דאָס וועט זיין פאַר זיי אַ לעבנס־סגולה בעתן צוריקמאַרש פון רוסלאַנד.

○ אַ ריי בילדער פון יידן־לאַגער אין מילבערטסהאָפען (פאָרשטאָט פון מינכען) און נאָך אַנדערע נאַצי־דאָקומענטן האָט דער צ.ה.ק. איבערגעגעבן היינץ מייער, אַפּטיילונגס־לייטער אין בייערישן הילפס־ווערק.

○ 53 שריפטלעכע אַרבעטן אויף דער טעמע: „מיינע איבערלעבונגען בעת דער מלחמה" האָט צ.ה.ק. באַקומען פון דער פאַכשול אין גרייפענבערג. די אַרבעטן זיינען געשריבן אין יידיש. פּויליש און רוסיש.

○ אַ ריי אינטערעסאַנטע בילדער־אויפנאַמעס פון לאַנדסבערגער לאַגער־לעבן האָט פאָטאָ בורשטין, לאַנדסבערג, געשטעלט אין רשות פון דער צ.ה.ק.

○ שלמה שניידער, לאַנדסבערג, האָט דער צ.ה.ק. איבערגעגעבן אַ קאַצעט־אַנצוג, וועלכן ער האָט אַליין געטראָגן אין קאַצעט מיטן העפטלינגס נומער 119466.

○ דער קאָמיטעט אין טראָוסטיין האָט צוגעשטעלט דער צ.ה.ק. אַ פילם פון דייטשן אריינמאַרש קיין פוילן אין יאָר 1939 און א גבית־עדות וועגן דער יינגסטער קאַצעטלערין רות שוואַרץ, איצט 5 יאָר אַלט.

○ זונטיק, דעם 27 אָקטאָבער 1946 איז אין דעם געוועזענעם קאַצעט ביי פלאָסענבורג אַנטהילט געוואָרן אַ דענקמאָל פאַר די קרבנות אין דעם לאַגער. די צאָל פון די אומגעבראַכטע איז דאָ אַן אומגעהייער גרויסע און ציילט פון אַ גאַנצער ריי לענדער און פעלקער, צווישן זיי אויך טויזנטער יידן. דעם העברעאישן טעקסט פאַר דער מצבה האָט צוזאַמענגעשטעלט די צ. ה. ק.

○ אויפן יידישן בית־הקברות אין מינכען, אונגערער גאַס, איז זונטיק דעם 10־טן נאָוועמבער 1946 אַנטהילט געוואָרן אַ דענקמאָל פאַר די קרבנות פון די נאַצי־פאַרפאָלגונגען אין די יאָרן 1933־1945. ביי דער פייערונג האָט דער מינכענער אָבערבירגערמייסטער באַטאָנט, אַז פון די 12.000 יידישע תושבים אין מינכען זיינען קוים 250 צוריקגעקומען פון די קאַצעטן.

○ אין פלאַטלינג, ראַיאָן רעגענסבורג, איז דעם 13־טן אָקטאָבער ה. י. אַנטהילט געוואָרן אַ מצבה פאַר די געפאַלענע אין די קאַצעטן.

(פ.)

ביים שליסן דעם נומער האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע ייִדן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע באַקומען פון דער „יוואָ"־צענטראַלע אין ניו־יאָרק דעם בריוו:

דעם 18טן נאָוועמבער, 1946.

פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון באַפרייטע ייִדן
אין דער אַמעריקאַנער זאָנע.
מינכען,

זייער חשובער און ליבער פריינד,

מיר האָבן באַקומען דעם ערשטן נומער פון לעצטן חורבן אַרויסגעגעבן דורך דער היסטאָרישער קאָמיסיע ביי איער צענטראַל־קאָמיטעט.

דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע ייִדן אין מינכען און דער היסטאָרישער קאָמיסיע קומט אַ יישר־כח פאַר דער אויסגאַבע וואָס מיר קענען בלויז לויבן. הלוואי וואָלט די אויסגאַבע געקענט האָבן גישט 36 זייטן נאָר 72 און מער און הלוואי וואָלט פון לעצטן חורבן געקענט אַרויסגיין אַ ביסל עפטער. מיר באַוואונדערן נאָך מער די אויסגאַבע ווען מיר באַטראַכטן זיך, אַז זי איז אַרויס אין אַן אָרט און אין אַ צייט ווען איר האָט צו זאָרגן וועגן טויזנטער אַנדערע זאַכן און דאָך פאַרשטייט איר אויך די וויכטיקייט פון דער גרויסער אַרבעט צו זאַמלען און פאָרשן דעם חורבן פון אונדזער פאָלק.

מיר בעטן אייך איבערגעבן די פריינד י. קאַפּלאַן, י. פייגענבוים און אַלע אַנדערע טוערס פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אונדזער האַרציקן יישר־כח פאַר זייער גרויסן אויפטו.

מיט פריינדלעכע גרוסן,

מ. וויינרייך
וויסנשאַפטלעכער דירעקטאָר

י. שאַצקי
וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר
פון דער היסטאָרישער סעקציע

ל. לעהרער
פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג

י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, י. לעשטשינסקי, א. מענעס
פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער

## תיקון טעות

אין פּאַריקן נומער (2) זיינען אַריינגעפאַלן די פאַרדריסלכע פעלערן:

זייט 29, שורה 11, דאַרף זיין: (22/X.1942)

זייט 29, שורה 17, דאַרף זיין: (11/XI.1942)

באמערקטע פעלערן אין דעם העפט:

זייט 5, שורה 1, געדרוקט: פאַר ניט־אַריער — דאַרף זיין: פאַר אַריער.
זייט 5, שורה 7 פון אונטן, געדרוקט: יצחק ראָכשטין, — דאַרף זיין: יצחק ראָכטשין. זייט 15, שורה 7 געדרוקט: יאַנואַר 1946. — דאַרף זיין: יאַנואַר 1940.

## פון רעדאקציע:

אין דעם זשורנאַל ווערן געדרוקט נאָר אָריגינעלע אַרבעטן. אַרטיקלען וואָס זיינען שוין געדרוקט געווען (אויך אין אַ אַנדער שפּראַך, אָדער אין יידיש מיט לאַטיינישע אותיות), ווערן אין דער צייטשריפט ניט געגעבן.

איבערדרוקן, אויך טיילווייז, שטרענג פאַרבאָטן.

*Published and copyright by Central Committee of liberated Jews in Bavaria (U. S. Zone)*

געדרוקט אין גראַפישן קונסטאַנשטאַלט יאָז. צ. הובער
דיסען אַם אַמערזע, בייערן.

# From the last extermination

**JOURNAL FOR THE HISTORY OF THE JEWISH PEOPLE DURING THE NAZI REGIME**

EDITOR: ISRAEL KAPLAN

CONTENTS


| | |
|---|---|
| 1. Lachwa . . . . . . . | I. K., Aaron Schworin, Chaim Shklar, Abraham Feinberg |
| 2. Polish Jewish Soldiers as War Prisoners (memoirs) . . . . . . . | Mendel Lifschitz |
| 3. A Chapter on Siedlce (Eye-Witness Report) | Getzl Weissberg |
| 4. Comments on the Photographs of Siedlce | Fritz Heft |
| 5. The Last Forty-Five Children in Kielce | Sara Kerbel |
| 6. The "Jewish Band" (Eye-Witness Report) | Isaac Feierstein |
| 7. The Problem of Productivization in the Warsaw Ghetto . . . . . | Eng. Isaiah Bluman |
| 8. In Treblinke (Eye-Witness Report) . . | Simcha Bunim Lesky |
| 9. Luck (Eye-Witness Report) . . . | Meyer Roitman |
| 10. Slaughter at the Oceanside (Eye-Witness Report) . . . . . . . | Miriam Zweig |
| 11. In the Transport from the Death Camp Balkenheim (Eye-Witness Report) . . | Maurice Kraus |
| 12. Brezna (Eye-Witness Report) . . . | Malke Beilinsky |
| 13. In Budapest (Eye-Witness Report) . . | Alimelech Vider |
| 14. In the Woods of Polesie . . . . | Samuel Praude |
| 15. My Experiences during the War (From the Series of Children's Reports) . . | Arieh Milch |
| 16. Expressions Used in the Ghetto of Lodz | I. Rosenbaum, M. I. Feigenbaum |
| 17. Lullaby (Ghetto-song) . . . . | |
| 18. The Ghetto of Lodz (Ghetto song) . . | Jonathan Karp |
| 19. Názi Documents with Comments . . | |
| 20. Photographs of the Nazi Period. | |
| 21. Bibliographical List of Articles on Jewish Life under the Nazis Published in the Press of the Shaarith Ha-Plata. | |
| 22. List of Camps. | |
| 23. Report on Activities of the Central Historical Commission. | |
| 24. News of the Central Historical Commission. | |


RG-02.10